№ 38 — 20 גראָשן פרייז — „CZENSTOCHOWER CAJTUNG“

טשענסטאכאווער צייטונג

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 294.

Środa 16 września 1936 — פרייטאג ערב ראש השנה תרצ״ז

Bibljot. Jagiellońska Kraków Św. Aug 19

צו דער חתונה פון אונזער קוזינקע **רוזשע גאָלדבערג** מיט ה׳ **ראובן ברעסלער** א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.

גלייכצייטיג ווינשען מיר די מוטער פון חתן א רפואה שלימה.

יוסף גאָלדבערג און פרוי.

טליתים וויידענע האַלבענע **וו״ק, ציצית, קאַפּלעך**

גאַרטלעך, מחזורים, איבערזעצט אויף פויליש, סליחות, חומשים, סידורים, מזוזות, ספרים, מדרש רבה מיט עברי-טייטש, עין יעקב׳ס מיט ע״ט שול-ביכער העברעאישע, פוילישע א. ד. גל.

פראַנט געוועלב ב. יאָסעלעוויטש 1

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.

אכטונג! **שבת**, דעם 19 דה. — א יום-טובדיגע פראַקטישע לעקציע פאַר יורישער געזעלשאַפט. אָנהויב 8 אָוונט.

ארץ-ישראל ווי אויך **קאָרפירנער**

אתרוגים מובחרים

אויך לולבים און הדסים

הורט און דעטייל צו בעקומען אין דער לאַנגיעהריגער פירמע **געברידער פשעראָווסקי**

ב. יאָסעלעוויטשא 9.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ“

ul. Berka Joselewicza 2.
Filja: Warszawska 37.

מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאַנג-דויערנדען שפּיגעל-גלאַנץ ווי אויך **כעמיש** צו ריניגען און צו פאַרבען אַלערארט קליידונג.

ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס 2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט

לשנה טובה תכתבו

אונזערע ק-ובים, פריינד, בעקאנטע און אלע חשוב׳ע קונדען ווינשען מיר צום נייעם יאהר א כתיבה וחתימה טובה.

ישראל פערלמאַן און פרוי

וואַרשטען-מאכער טאַרגאָווע 10.

לשנה טובה תכתבו

אונזער פאַמיליע, פריינד, בעקאַנטע און די חשוב׳ע קליענטען ווינשען צום נייעם יאָהר אַ כתיבה וחתימה טובה

מלך דיקערמאַן און פרוי

ב. יאָסעלעוויטש 12.

ווילצון.

Dr. med. B. RAPP

specjalista chorób OCZNYCH z Kalisza

przyjmuje w WIELUNIU

w każdą niedzielę w godz. od 8-ej rano do 1-ej w lokalu Przychodni Przeciwjagliczej ul. REFORMACKA 15.

LEKARZ-DENTYSTA A. BOMS

przeprowadził się z ul. Śląskiej 4

na ul. Śląską (Gnaszyńska) 8

DO MIESZKANIA P. D-RA WAGNERA

i przyjmuje od godz. 9—1 i 4—7.

Przy gabinecie jest pracownia zębów sztucznych.

Z intencji zaślubin

p. FELICJI WICZYKÓWNY z p. JAKÓBEM HOFFMANEM

życzą szczęśliwego współżycia

B. BOCIANOWIE.

דער **פאַמיליע האָפמאַן** אין טשענסטאָכאָוו צו דער חתונה פון זייער זוהן **יעקב** מיט פרל. **פעליציאַ וויטשיק** ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און א כתיבה וחתימה טובה

די פירמעס: **גראָנאָוויטש און זינגלמאַן, וויעלון.**

צו דער חתונה פון אונזער קוזינקע **העלאַ בורגמאַן** מיט ה׳ **יעקב גאָרסעט** א הארציגען מזל-טוב.

די עלטערן פיעל נחת ווינשען

יוסף גאָלדבערג און פרוי

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליעבער טאָכטער **מאַניאַ** מיט ה׳ **יעקב באַלזאַם** ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט

עלטערן, ברידער און שוועסטער ראָזענצווייג

צו די תנאים פון אונזער פריינדין **מאַניאַ ראָזענצווייג** מיט ה׳ **יעקב באַלזאַם** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען

חיים אורבאַך און חיים מרובקע.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער פריינד **יאַקוב באַלזאַם** מיט פרל. **מאַניאַ ראָזענצווייג** ווינשען גליק און א בליהענדע צוקונפט

הערמאַן און גאָלבינגאַ פרענקעל

Z intencji zaślubin przyjaciela naszego JAKÓBA WOŹNICY z p. JADZIĄ FRYDMAN życzymy dużo szczęścia

HERSZLIK SUŁKOWSKI
BEREK GEWERCMAN.

Nowootworzona pierwszorzędna pracownia ubiorów damskich i futer

A. RENKSZOWSKI

Częstochowa, Aleja Wolności 2/6

פיהרט אויס די אַרבייט לויט׳ן נייעסטען סיסטעם פון צושניידען, ווי אויך פון די נייעסטע פאַריזער און ווינער מאָדעלען. :—: סאָלידע און פונקטועלע אויספיהרונג. :—: צוגענגליכע פרייזען.

אַ כתיבה וחתימה טובה

אַלע איהרע מיטגלידער ווינשט צום נייעם יאָהר

די פערה. פון דער געז.

„אחיעזר“.

די לעמאָנאַדע און סאָדעוואַסער-פאַבריק

ס. פישהאַלטער

וואַרשאַווער 21

ווינשט אַלע קרובים, פריינד און גע-עהרטע קונדשאַפט צום נייעם יאָהר

אַ כתיבה וחתימה טובה.

לשנה טובה תכתבו.

אַלע אונזערע פריינד און ג׳ קליענטעלע ווינשען מיר צום נייעם יאָהר

אַ כתיבה וחתימה טובה

די סאָדע וואַסער און לימאָנאַדע-פאַבריק

„ZDROWIE” tel. 18-56.

רינעק חאַרשאָווסקי 8—7.

די גליקליכע קאָלעקטור

ס. באַזשיקאָווסקי און ס. האַפּטקאַ, אַלעע 2

ווינשט דער ג׳ קונדשאַפט, פריינד און בעקאַנטע צום נייעם יאָהר

אַ כתיבה וחתימה טובה.

לשנה טובה תכתבו.

אַלע אונזערע פריינד, בעקאַנטע און די ג׳ קליענטען ווינשען מיר צום נייעם יאָהר אַ כתיבה וחתימה טובה.

Chem. pralnia i farbiarnia
„KRYSZTAŁ“
B. Joselewicza 2 i Warszawska 37

אַלע מיינע קונדען, פריינד און בעקאַנטע צום נייעם יאָהר

אַ כתיבה וחתימה טובה

ווינשען

אייזיק אַבראַמאָוויטש און פרוי

אַלעע 4 און אַלעע 28.

אַלע אונזערע קונדען, פריינד און בעקאַנטע צום נייעם יאָהר

אַ כתיבה וחתימה טובה

ווינשען **יוסף זיידמאַן** און פרוי

קאַטעדראַלנע 15.

לשנה טובה תכתבו

אונזער פאַמיליע, פריינד, בעקאַנטע און די חשוב׳ע קליענטען ווינשען צום נייעם יאָהר אַ כתיבה וחתימה טובה

לייב לעדערמאַן און **פאַמיליע**

מאַנופאַקטור-געשעפט, אַלעע 7.

לשנה טובה תכתבו.

אונזער פאַמיליע, פריינד, בעקאַנטע און די חשוב׳ע קליענטען, ווינשען צום נייעם יאָהר אַ כתיבה וחתימה טובה.

ז. לאַנגנער און פרוי

שיך-געשעפט, אַלעע 10.

לשנה טובה תכתבו

מיין ליעבע מוטער, פריינד, בעקאַנטע און די ג׳ קליענטען ווינשט צום נייעם יאָהר אַ כתיבה וחתימה טובה

מיכאַל רוזשעוויטש

ראָווערען און ניי-מאַשינען.געוועלב.

אַ כתיבה וחתימה טובה

ווינשען מיר אונזערע ליבע עלטערן, קרובים אין לאַנד און אויסלאַנד, פריינד און לעזער צום נייעם יאָהר.

י. שמולעוויטש, פרוי און טעכטערל, אַלעע 5.

אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ גוט יאָהר!

ווינשען מיר אונזערע געעהרטע לעזער און אַבאָנענטען, אַנאָנסען-געבער, מיטאַרבייטער און קאָרעספּאָנדענטען אין לאַנד און אין אויסלאַנד און דעם גאַנצען כלל-ישראל.

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע

„טשענסטאכאווער צייטונג“.

P. **STARKE**

Prezesowej Domu Sierot i Starców im. „Mina Werde“ w Częst.

z okazji NOWEGO ROKU

przesyłają WYCHOWANKOWIE, STARCY i PERSONEL

życzenia wszelkiej pomyślności.

אַ גוט, געזונד יאָהר און אַ פרנסה טובה

ווינש איך מיין ליעבע מוטער **רחל לאה קעלטשיגלאָווסקי**, מיינע ליעבע ברידער: **כתריאל מאיר קעלטשיגלאָווסקי, וואָלף קעלטשיגלאָווסקי** מיט זייערע פאַמיליעס, די שוואָגערס: **מיכאַל וואָלסקי, חנן בערקאָוויטש, הערשל בערקאָוויטש, ארון בערקאָוויטש, יודל יענדלינסקי, יעקב כלאַפּאַק** מיט זייערע פאַמיליעס, ווי אויך אַלע מתפללים פון קעלטשיגלאָווסקיס מנין.

בעריל, רבקה רייזיל קעלטשיגלאָווסקי און **פאַמיליע** פון **דאַנציג.**

אַ גוט יאָהר!

אַלע מיינע געעהרטע יודישע בעזוכער פון טשענסטאָכאָוו און אומגעגענד ווינש איך צו זייער נייעם יאָהר פיעל גליק און צופרידענהייט.

W. KRZEMIŃSKI
wł. kina „EDEN“

אַ גוט יאָהר!

אַלע מיינע געעהרטע יודישע בעזוכער פון טשענסטאַכאָוו און אומגעגענד ווינש איך צו זייער נייעם יאָהר פיעל גליק און צופרידענהייט.

A. GOLDBERG
wł. kina „Luna“.

מיין ג׳ קונדשאַפט, פאַמיליע, פריינד, חברים און בעקאַנטע ווינשען מיר אַ **כתיבה וחתימה טובה**

משה פערעצאָוויטש, פרוי און זוהן, וויעלון.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער חברה **העלאַ האָכבערגער** מיט ה׳ **דניאל רודניצקי** ווינשען פיעל גליק און אַ גליקליכע צוקונפט

פנחס אָוויעטשקאַ און דוד קאָזאַק

Koncesjonowane

Kursy Buchalteryjno - Handlowe

prowadzone od 1915 roku pod kier.

R. GERMAN-SZUMACHEROWEJ

kształcą zawodowo na:

buchalterów, korespondentów, stenografów, maszynistów.

Wykłady odbywają się zbiorowo i indywidualnie.

Kończącym wydaje się świadectwa.

Zapisy na rok szkolny 1936-37 przyjmuje Kancelarja Kursów: ul. Dąbrowskiego 11, FRONT, PARTER. Telefon 22-75.

Tamże I-a szkoła pisania na maszynach, nauka na maszynach do liczenia i na powielaczach.

זונטאג, ד׳ תשרי, צום גדליהו (20 ד. מ.) 10 אַ זייגער פריה וועט אויפ׳ן היגען בית-החיים געשטעלט ווערען די מצבה אויפ׳ן קבר פון אונזער פערשטאָרבענעם מאַן און פאַטער

עמנואל ווייזענבלאַט ז״ל

וועגען וואס ס׳ווערען מודיע פריינד, בעקאַנטע און פערעהרער די טרויערנדע

פרוי און קינדער.

Naszemu koledze **Mońkowi i Rodzinie Feldman**

z powodu zgonu Ich ukochanej Matki bp. **GOŁDY**

wyrażamy najserdeczniejsze współczucie

Z. Biberowie.

שנת צרות (תרצ"ו).

א שווער און ביטער יאהר איז געווען דאס פערגאנגענע יאהר פאר'ן יודישען פאלק. אין דעם לאנד פון אונזער האפנונג — ארץ-ישראל — אין וועלכען מיר האבען ארייגעלייגט אזויפיעל בלוט און שוויס, ארבייט און געלד, קומט פאר זייט 4 חדשים אנ'אויפשטאנד געגען אונז מצד די אראבער, וואס קאסט שוין דאס לעבען פון קרוב 90 יודישע קרבנות — עס דראהט אויך א געפאהר פון אבשטעלען די עליה און די יודען אין ארץ-ישראל זענען נישט זיכער מיט זייער לעבען.

אויך דא אין גלות האבען מיר אין יאהר תרצ"ו מיטגעמאכט פיעל צרות. אין פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך ווי: פשיטיק, מינסק מאזאוויעצק, טרוסקאלאס א. אנד. זענען פארגעקומען עקסצעסען, מען האט גערויבט יודישע פערמעגענס און ס'האבען אויך נישט געפעהלט קיין יודישע הרוגים. אין דעם זעלבען יאהר איז אין סיים אנגענומען געווארען דער פראיעקט צו שטערען די יודישע שחיטה, וואס האט ארויסגערופען גרויס אויפרעגונג און פערביטערונג צווישען די יודען אין לאנד און אין דער גאנצער וועלט. דער סיים האט וועגען דעם ענין געמאכט כלומרש'ט א פשרה, אבער סוף-כל-סוף וועט שווער און טייער אנקומען א יוד צו עסען א שטיקעל כשר פלייש.

אין דייטשלאנד, וואו עס בושעוועט זייט אייניגע יאהר דער העסליכסטער אנטיסעמיטיזם, האט זיך די לאגע פון די דארטיגע יודען נישט פערבעסערט, נאר פערקעהרט, וואס אמאל קומען פון דארט אן אלץ מעהר איוב'ס בשורות וועגען די צרות, וועלכע די דארטיגע יודען האבען אויסצושטעהן.

אין דעם פערגאנגענעם יאהר האט דאס נאציאנאלע יודענטום פערלוירען איהר פרעזידענט און מנהיג נחום סאקאלאוו, וועלכער האט זייט פערציג יאהר זיך אבגעגעבען מיט מסירות נפש דעם אויפבוי פון ארץ-ישראל, נישט אדורכגעלאזט קיין איין קאנגרעס, אין וועלכען ער זאל נישט האבען אקטיוו אנטייל גענומען און געוועקט די יודישע הערצער לטובת דעם בנין הארץ.

גאנץ בעזונדערס האט אין דעם יאהר אונזער טשענסטאכאוו געליטען גרויסע פערלוסטען. עס איז פון אונז אוועקגעריסען געווארען פלוצלינג אונזער ארטיגער מנהיג, דער רב ר' נחום אש ז"ל, וועלכער האט פערנומען דעם היגען כסא הרבנות 42 יאהר, מיטגעמאכט די ליידען און פריידען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג און ביז די לעצטע מינוטען געארבייט לטובת הכלל.

מיר האבען אויך פערלוירען אין אונזער שטאדט א גרעסערע צאהל תלמידי חכמים, כלל-טהוער, געוועזענע ראשי-קהלה, ווי: ר' דוד יצחק עדעליסט, ר' וואוטשע פיאטרקאווסקי, ר' יוסף בלומענקראנץ, ר' פנחס קאפלאן א. אנד. וועמענס אבידה אונזער טשענסטאכאוו וועט האבען לאנג צו געדענקען.

לויט דער מיינונג פון גרויסען תלמוד'יסט תנא רבי מאיר, האט אין לעבען א גרויסע בעדייטונג דער נאמען פון יעדער זאך און מענש—שמא גרים. מעגליך, אז דאס איז אויך געווען איינס פון די סבות פון די גרויסע צרות, וועלכע מיר, יודען, האבען געליטען אין שנת צ ר ו ת. און דעריבער יעצט, ווען ס'קומט אן א נייע יאהר, האפען מיר, אז עס וועט זיין א שנת ברכה והצלחה, שנת גאולתנו ופדות נפשנו.

מ. א.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

אונטער דער ליטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין ווארשא מיט לאנג-יעהריגער פראקטיק

ספעציאליטעט:

1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעקאטירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן,
4) וואשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ.

זאל זיי דאס נישט פערדרעכענט ווערען!...

א פאר ווערטער וועגען אנ'אקטועלען ענין.

ווי בעוואוסט עגזיסטירט אין טשענסטאכאוו אנ'אינסטיטוציע, וואס רופט זיך „תומכי עניים", וועלכע איז נאך נעגרינדעט געווארען מיט אנ'ערך 13 יאהר צוריק דורכ'ן פערשטארבענעם עמנואל'קע ווייצענבלאט ז"ל.

די אויפגאבע פון „תומכי-עניים" איז צו שטיצען ארימע בכבודע יודען מיט ברויט און חלות, וואס ווערען צונויפגעזאמעלט צווישען דער היגער יודישער בעפעלקערונג, און אזוי ווי עס גענוגען נישט די צוזאמענגענומענע פראדוקטען, ווערט יעדע וואך צוגעקויפט א פאר צענדליג קילא געבעקס, כדי צו קאנען זעטיגען די הונגעריגע מיט ברויט.

אין דער דאזיגער אינסטיטוציע איז פערהאן א גרופע פון עטליכע צענדליג מענשען, פשוט'ע יודען, וועלכע דאווענען יעדען שבת אדער יום טוב בהשכמה, כדי שפעטער צו קאנען נעמען די קוישען און ארומגעהן איבער די הויפען און שרייען „גוט-שבת, יודעלעך"!

די דאזיגע יודען טהוען דאס פרייוויליג, אהן שום שכר. זיי טהוען דאס דערפאר, ווייל ביי אט די פשוט'ע יודען, וועלכע האבען אליין אויך נישט קיין פערמעגען, איז דאס איינציגע, וואס זיי פערמאגען יא — א גרויס הארץ, וועלכעס איז פול מיט רחמנות צו זייערע ברידער און שוועסטער, אפפערען זיי זייער שבת'דיגע מנוחה, גיבען אוועק דעם איינציגען רוה-טאג אין דער וואך פאר די הונגעריגע און נויט-ליידענדע.

זייער ארבייט איז נישט קיין לייכטע, ווייל שוין נישט רעדענדיג וועגען דעם, וואס דאס צוזאמעננעמען די חלות און ברויט אין די בעשטימטע שעה'ן איז פערבינדען מיט געוויסע אונאנגענעהמליכקייטען, ווייל אויב אין די דאזיגע שעה'ן פאלט פונקט א רעגען אדער א שניי בעהאלטען זיי זיך נישט אין קיין שטוב, נאר טהוען זייער ארבייט בשלימות, אזוי ווי א סאלדאט אויף זיין פאסטען — מוזען זיי נאך אויסהערען פערשידענע פארוואורפען. דא האט דער הויז-ווירט אנגעזאגט, אז מען זאל נישט שרייען אויפ'ן הויף, ווייל ס'איז נישט „עסטעטיש", דא איז ווידער דער סטרוזש א שונא-ישראל און מאכט שיקאנעס די זאמלער א. ז. וו. אזעלכע און עהנליכע צרות ליידען זיך אן אט די דאזיגע אונבעקאנטע העלדישע זעלנער, אבער דאס שרעקט זיי נישט אב און זיי טהוען זיך ווייטער זייער הייליגע ארבייט.

פון וואך צו וואך מעהרען זיך די נצרכים, וועלכע קומען צו די „תומכי-עניים" און מיט צעוויינטע הערצער און פערוויינטע אויגען בעטען זיי א שטיקעל ברויט. די, וואס שטעהען ביי דער ארבייט אין „תומכי עניים" קאנען בשום אופן קיינעם נישט פערזאגען, ווייל זיי האלטען פון דעם כלל: כל הפושט יד נותנים לו, ווייל אויב עמיצער קומט און שטרעקט אויס די האנד נאך א שטיקעל ברויט איז א סימן, אז ער איז הונגעריג און מען דארף האבען א הארץ פון א טאטער, אז מען זאל א הונגעריגען נישט וועלען געבען א שטיקעל ברויט.

די יודישע איינוואוינער אין אונזער שטאדט האבען א פערשטענדניס פאר דער דאזיגער וויכטיגער אינסטיטוציע און זיי גיבען, וויפיעל איינער קאן — ברויט, חלות, אייער, צוקער א. ד. גל. א סך זענען אויך מנדר ביי שמחות אדער יאהרצייטען געוויסע סכומים ברויט.

לעצטענס האבען זיך עטליכע בעלי-בתים אבגעזאגט צו געבען פאר די דאזיגע ארימע בכבוד'ע יודישע פאמיליעס די מאנערע פארציע; זייערע נעמען וועט אונז אויסקומען צו פערעפענטליכען א צווייט מאל. די דאזיגע יודען מאטיווירען עס דערמיט, וואס זיי זענען בייז אויף דער פערוואלטונג פון די „תומכי-עניים" באשר די לעצטע האבען בעת די קהלה-וואהלען נישט געשטימט אויף זייערע ליסטעס.

צי האבען אבער אט די יודען א טראכט געטהון אויף איין מינוט, אז מיט דעם וואס זיי הערען אויף צו געבען זייער נתינה, נעמען זיי אוועק פון עטליכע פאמיליעס דאס שטיקעל ברויט פון מויל, צי האבען זיי אויף איין מינוט זיך פערטראכט, אז איצדערצייט, ווען זיי זיצען זיך בריות ביי דער שבת'דיגער סעודה, הונגערען צוליעב זיי עטליכע יודישע פאמיליעס און האבען אפילו אויף שבת נישט קיין טריקען שטיקעל ברויט?

אט וועל איך אייך ביי דער געלעגענהייט דערצעהלען איין עפיזאד פון א סך:

די „וואך האט זיך געוואנדען צו דער „תומכי-עניים" א טרוסקאלאסער יוד, וועלכער איז לעצטענס אבגעברענט געווארען און איז געבליבען אהן מיטלען צום לעבען. היות אבער ווי דאס איז געווען אין מיטען דער וואך, האט ער פון דער שבת'דיגער צוטיילונג שוין נישט געקאנט געניסען. האבען אבער די פערוואלטונגס-מיטגלידער זיך דערמאנט, אז ביים היגען יודישען אינדוסטריעלער ה' נאטאן דזיאלאשינסקי האט מען צוליעב'ן אקופאציע-שטרייק, וועלכער קומט פאר אין זיין פאבריק, נישט געקאנט זאמלען פערגאנגענע וואך 2 ברויט, וועלכע ער גיט יעדען שבת. זיי זענען דעריבער צו איהם אהין, גענומען די 2 ברויט און אוועקגעגעבען דעם טרוסקאלאסער יודען. ווען דער הונגעריגער יוד, וועלכער האט אינדערהיים א פאמיליע, האט בעקומען די צוויי ברויט, האבען זיך איהם געשטעלט טרעהרען אין די אויגען און ער איז מיט דער „גרויסער מציאה" אהיימגעלאפען, ווי מיט א גרויס געווינס.

אט דער איינער עפיזאד כאראקטעריזירט די הייליגע מצווה, וועלכע די „תומכי עניים" ערפולט פאר מעהר, ווי דריי הונדערט ארימע יודישע פאמיליעס אין אונזער שטאדט.

עס איז היינט ערב ראש-השנה, די דאזיגע פערמעגליכע יודען וועלען אוועק אין שוהל און בעטען, מען זאל זיי מוחל זיין זייערע זינד. זאלען דעריבער די טרעהרען פון די נויטליידענדע יודען, וועלכע וועלען בלייבען הונגעריג צוליעב דעם, וואס די דאזיגע נותנים האבען אויפגעהערט צו געבען זייערע פארציעס, נישט פאלען ווי שווערע מקטריגים, ווי א שווערע בעשולדיגונג געגען זיי.

שין.

אין דער פמליא של מעלה.

אזא גערודער, אזא טומאטאכע, ווי עס איז היי-יאהר געווען אין די קארידארען פון הימלישען געריכט, האט מען שוין לאנגע צייטען נישט געזעהן.

צעהנדליגער מלאכים וואזשנעס זענען געלאפען אהין און צוריק, שלעפענדיג גאנצע פעק אקטען מיט בעשולדיגונגס-מאטעריאל געגען די אהן א שיעור אנגעקלאגטע, וואס זענען ארויסגערופען געווארען אין דער פמליא של מעלה צום הימלישען געריכט.

ווען איך בין אנגעקומען אין געריכט-זאל, האב איך גראד אנגעטראפען, ווי דער ריכטער האט אויסגעלייענט דעם פסק-דין וועגען היטלער-דייטשלאנד און מיר איז נאך געלונגען צו הערען די לעצטע ווערטער, וועלכע האבען געקלינגען אונגעפעהר אזוי: היטלער'ן ווילען מיר נישט משפט'ן, ווייל ער שטעהט אויסער'ן געזעץ. דער גאנצער היטלער-סיסטעם איז א משונה ווילדער, וואס טרעפט זיך נישט אין דער גאנצער וועלט, אזוי אז ס'איז נאך נישט אנגעשריבען געווארען די שטראף-אויסמעסטונג פאר אזעלכע ווילדע שטיק. איבערהויפט האלטען מיר, אז מיט'ן היטלער-סיסטעם פיהרען אן אזעלכע מענשען, וואס קאנען נישט זיין פעראנטווארטליך פאר זייערע מעשים. היות אבער ווי די מעשים תעתועים פון די דאזיגע ברואים, ברענגען שאדען דער וועלט און ס'ווערט צוליעב דעם אבגעמעקט דער צלם אלקים, זאל דער גאנצער ענין איבערגעהן אין כף-הקלע און זיי זאלען דארט בעשטימען, וואס פאר א פסק זיי זאלען דערפאר ארייננכאפען.

עטליכע אנוועזענדע מיט א סעמיטיש אויסזעהען, וועלכע זענען געווען אנוועזענד אין זאל, אויסהערענדיג דעם דאזיגען פסק-דין פון ריכטער, האבען אראבגעלאזט די קעפ און זיך שטארק פארשעמט. זיי האבען זיך הפנים דערמאנט, אז זיי שטעהען מיט אט דעם מלכות הרשעה אין געשעפטליכע פערבינדונגען...

— ענגלישע מאנדאטור-מאכט — האט אויסגעשריגען דער געריכטס-וואזשני. באלד האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער בעשולדיגונגס באנק א הויכער דזשענטעלמען מיט א צילינדער אויפ'ן קאפ און מיט דער ביבעל אונטער'ן ארעם.

באלד נאכדעם, ווי ס'איז אדורכגעפיהרט געווארען די געוועהנליכע פראצעדור וועגען נאמען, בעשעפטיגונג און אזוי ווייטער, האט גענומען ס'ווארט דער אויבער-פראקוראר סמאל, וועלכער האט מיט א דונערענדע שטימע בעשולדיגט די ענגלענדער פאר זייער פערנאכלעסיגונג די פאלעסטינער-פראגע.

— איהר, דזשענטעלמענער — האט דער פראקוראר זיך גע'כעסט — האט צוגעזאגט דעם פאלק ישראל א נאציאנאלע היים אין ארץ-ישראל; איהר האט אונטערגעשריבען א וועקסעל און צום סוף האט איהר איהם געלאזט פראטעסטירען. אייער פאלימיק, וואס איהר ווענדעט אן אין ארץ ישראל, קאן אנגערופען ווערען פערברעכען פון ערשטען סארט. צוערשט האט איהר צוגעזאגט די יודען גילדענע בערג, זיי האבען אייך געגלויבט, זיי זענען געפאהרען און אין דער וויסטער ערד אריינגעלייגט זייער געלד, שוויס און בלוט. פון זומפען — געמאכט בליהענדע גערטנער, פון ווילדען מדבר — אויפגעבויט פרעכטיגע שטעדט, ענטוויקעלט דעם האנדעל, די אינדוסטריע, דאס באנקוועזען. מיט איין ווארט — זיי האבען וואונדער בעוויזען. און אלס דאנקבארקייט האט איהר געפיהרט אזא פאליטיק, אז די ווילדע אראבער מאכען אלץ וויסט און חרוב. איצט קומט איהר צו געהן מיט קעניגליכע קאמיסיעס און ס'איז דא א חשד, אז איהר ווילט אבשטעלען די עליה. איך פאדער דעריבער — פערענדיגט זיין רעדע דער הימלישער פראקוראר - אז ביי די ענגלענדער זאל צוגענומען ווערען דער טיטול דזשענטעלמאן, דאן זאל מען זיי ערקלערען פאר —

— האלט! — גיט א געשריי דער פערטיידיגער — איך בעט אין נאמען פון מיין קליענט, אז מען זאל נאך נישט ארויסטראגען דעם אורטייל, איך וויל צושטעלען עדות, וואס וועלען פעסטשטעלען, אז מיין קליענט איז נישט אינגאנצען שולדיג, אז דא זענען פערהאנען אומשטענדען, וואס האבען געצווינגען די ענגלענדער אזוי און נישט אנדערש צו האנדלען, דעריבער בעט איך, אז מען זאל דעם פראצעס אבלייגען, ביז מען וועט זיך בעקענען מיט א גאנצער רייהה פאקטען.

— כא כא כא—רייסט איבער דער פראקוראר. גיט נאר א קוק, וועמען דער פערטיידיגער וויל דא מאכען פאר אנ'אונשולדיג לעמעלע. די ענגלענדער זענען קאלטע גזלנים, יעדער שריט זייער איז אויסגערעכענט און אויב זיי טהוען עפעס, איז עס פון פאראויס בעשטימט. זיי האבען נאר זיך אין זינען און מעג יענער זיך צאפלען פון יסורים, געהט עס זיי נישט אן, אבי זיי זאלען גאר זיין צופרידען. אט גיט א קוק—ווייזט דער פראקוראר אן מיט דער האנד אויף איינעם, וועלכער זיצט אויף א באנק—אט דער הייפט היילע סעלאסיע, ער איז געווען קעניג פון אביסיניען און ווען די איטאליענער זענען אויף זיי אנגעפאלען, האבען די ענגלענדער אויך זיי צוגעזאגט הילף און א דאנק דעם האבען זיך די אביסיניער געשלאגען. וואס איז אבער געווארען דער סוף? טויזענדער אביסיניער זענען געפאלען אויפ'ן שלאכטפעלד, מען האט אנעקסירט זייער לאנד, און די ענגלענדער האבען אפילו נישט געטהון לטובת זיי די האנד אין קאלטען וואסער. און נישט בלויז דאס, נאר זייער גאנץ לעבען און זייער פיהרונג איז איין קייט פון רשעות און געמיינהייטען, איך פאדער דעריבער די הארבסטע שטראף פאר'ן בריטישען לייב.

— עקסקיוזמי—שטעלט זיך אויף דער ענגלענדער און הויבט אן צו שטאמלען —זייט מוחל; איהר בעשולדיגט מיך, אז נאר איך בין אין אלעם שולדיג, פערגעסט אבער נישט, אז מיר האבען א פעלקער-ליגע.

הא הא הא—איז מיט אמאל געווארען א געלעכטער; הא הא הא. פעלקער-ליגע קוויטשעט א יונג מלאכ'ל און צוקייכט זיך פאר געלעכטער. פעלקער-ליגע—צושרייט זיך דער פראקוראר —וועמען ווילט איהר דא פערדרעהען א קאפ. ווער נעמט דאס ערנסט. אויך דערין—שרייט ווייטער דער פראקוראר —ליגט צביעות. די ענגלענדער ווייסען, אז די פעלקער-ליגע—איז עובר ובטל, אז קיינער רעכענט זיך נישט מיט איהר; נישט דייטשלאנד, נישט איטאליען, נישט יאפאן. און אויב די ענגלענדער פעררופען זיך אויף די פעלקער-ליגע, איז עס נאר א דיפלאמאטישער טריק, כדי דעם הויכען טריבונאל אראבצופיהרען פון וועג.

די ריכטער האבען ערקלערט א הפסקה און זענען אוועק זיך בעראטען וועגען דעם אורטייל, וואס זיי דארפען ארויסטראגען איבער דעם אנגעקלאגטען ענגלישען דזשענטעלמאן...

איך קוק זיך ארום אין זאל און טרעף דארט א פאר היימישע חברה-לייט, וועלכע ווארטען אויף זייער רייהה. אזוי האב איך למשל געטראפען א פאר שיכורים, וואס האבען זיך אנגעשלאקעט מיט בראנפען א דאנק זייער „נצחונות" ביי די וואהלען. ווייטער האבען זיך דארט געפונען א פאר כלל-טהוער, וועלכע האבען בעת די לעצטע וואהלען געבראכען זייער צוזאג צו פיהרען אנ'אנשטענדיגע וואהל-אגיטאציע און צום סוף האבען זיי פערפאסקודזיעט די לופט מיט זייערע פאמפלעטען און רכילות.

ביים ארויסגאנג האב איך נאך בעמערקט זיצען אין קארידאר גרינבוים'ען מיט זשאבאטינסקי'ן. ווען איך האב זיך אינפארמירט, וואס זיי טהוען דא, האט מען מיר איבערגעבען, אז זיי האבען בעקומען א וועזוואגיע פון געריכט, ווי זאלען זיך קומען פערענטפערען מיט וואס פאר א רעכט זיי ווילען „בעגליקען" דאס פוילישע יודענטום און דערמיט אגטהוען א נחת-רוח די פוילישע אנטיסעמיטען.

אויך האב איך צופעליג געזעהען א פאר אנקלאגעס, וואס זענען איינגעפלאסען פון די „גוט-שבת-יודעלעך", אויף עטליכע כלל-טהוער, וועלכע זענען זיך נוקם אין די ארימע לייט און ווילען ווי נישט געבען קיין חלות; פון וואהל-ליסטעס, וועלכע זענען נעביך ביי די לעצטע וואהלען אדורכגעפאלען מיט'ן קנאק. דאן האט מיר א מלאך געוויזען א געהיים פאפירעל, וואס א היגער נאציאנאלער כלל-טהוער גרייט זיך אנצושרייבען אין די הויכע פענסטער, אז מען זאל ארייננזעצען אין דער היגער קהלה א קאמיסאר; א ביטע פון דער קרולאווע יאדוויגא, אז מען זאל איהר אבגעבען די געזאמעלטע געלדער, כדי אויסצולייזען דאס פאלק ישראל.

דאן האב איך דארט אויך געטראפען מיט א פעראומערט פנים דעם — — אבער ניין, דאס וועל איך אייך שוין נישט אויסזאגען. דער עיקר איז, אז זעהענדיג, ווער עס שארט זיך דארט אין די קארידארען, האב איך בעשלאסען אוועקצוגעהן אין רעדאקציע און אנשרייבען אלץ, וואס איך האב געזעהן אין געריכט פון דער פמליא של מעלה.

סמאל.

טאדעאוש זאדערעצקי'ס ווערק וועגען שחיטה

דער קריסטליכער געלעהרטער וועגען דער שחיטה-אבהאנדלונג פון הרב אש ז"ל

דער בעקאנטער קריסטליכער תנ"ך- און תלמוד-פארשער טאדעאוש זאדערעצקי האט לעצטענס פערעפענטליכט (אין דער פוילישער שפראך) א ווערק אונטער'ן טיטול „מיט'ן תנך און מיט'ן תלמוד – אין קאמף אריין", געווידמעט דער בעהאנדלונג פון „בעריהמטען" גלח טזשעטשאק'ס בראשורען און עקספערטיזע פאר דער סיים-קאמיסיע וועגען ענין שחיטה. דער מחבר בעטראכט דעם גלח טזשעטשאק אלס איגנאראנט און פלאגיאטאר, וועלכער בעזיצט נישט דעם מינדעסטען בעגריף וועגען יודישער וויסענשאפט און דארף נישט בלויז פון שטאנדפונקט פון די יודישע אינטערעסען, נאר אויך פון די אינטערעסען פון אביעקטיווער וויסענשאפט און פון דער פוילישער מלוכה ווי אמשארפסטען דעמאסקירט ווערען. אין דער הקדמה צום ווערק דריקט זיך זאדערעצקי צווישען אנדערען אויס: „מיר געהט נישט דא וועגען די יודען. די שחיטה איז פאר מיר פראקטיש אויף אזוי פיעל וויכטיג, אז א דאנק איהר צאהל איך ביליג פאר בעסער פלייש; מעהר אינטערעסירט זי מיך פערזענליך נישט. אבער זעהר שטארק געהט מיך אן אלס פאלאק, אז די בעשלוסען פון די פוילישע מלוכה-ארגאנען זאלען זיין בעגרינדעט אויף א געהעריג פעסטגעשטעלטען פאקטישען מאטעריאל און אויף יסודות פון אמת, און אז די ראלע פון „זאכקענער" פאר די מלוכה-ארגאנען זאלען ערפילען געלעהרטע פאכמענער און נישט שארלאטאנען".

די אבהאנדלונגען פון הרב נחום אש ז"ל, הלל זיידמאן און מתתיהו מיזעס וועגען דער שחיטה-פראגע, וועלכע זענען ערשינען מיט א צייט צוריק, האבען בעקעמפט די אויספיהרונגען פון גלח טזשעטשאק מיט דער הילף פון מאטעריאלען, גענומען פון די אלטע יודישע קוועלען, ווי תורה, תלמוד, מדרש א. א. ו. און אויפ'ן גרונד פון די יודישע דינים און אויסצוגען פון יודישע ווערק האבען די מחברים אויפגעוויזען די גרונדלאזיגקייט און לעכערליכקייט פון גלח טזשעטשאק'ס טענות. זאדערעצקי בעהויפטעט, אז די דאזיגע וויסענשאפטליכע מעטאדע דארף אנגעווענדעט ווערען אין בעצוג צו אמת'ע געלעהרטע, אבער נישט בנוגע דעם גלח טזשעטשאק, וועלכער קען נישט די דאזיגע קוועלען און האט זיך אויף זיי איבערהויפט נישט געשטיצט. דעם גלח טזשעטשאק דארף מען נישט וויסענשאפטליך בעקעמפען, נאר דיסקרעדיטירען, און די איינציגע ריכטיגע מעטאדע אין אזא פאל איז: ארויסצוווייזען, אז די „לומדות" פון גלח טזשעטשאק שטאמט אויסשליסליך פון ווערק פון משומדים און שוין לאנג קאמפראמיטירטע יודענקענער אדער אין בעסטען פאל – פון נישט-ריכטיגע איבערזעצונגען פון יודישע ספרים, און אז גלח טזשעטשאק פערזענליך קען אפילו נישט קיין אלף-בית. די דאזיגע אויפגאבע האט טאדעאוש זאדערעצקי, אליין א גוטער קענער פון יודאאיסטיק און פון דער „יודענקענערישער" ליטעראטור, בשלימות און מייסטערהאפט ערפילט.

אין זיין דערמאנטען ווערק פעררופט זיך זאדערעצקי גאנץ אפט אויף דער בעקאנטער אבהאנדלונג פון הרב נחום אש ז"ל וועגען דער שחיטה, און גיט וועגען איהר פאלגענדע אבשאצונג:

„די בראשור פון הרב נחום אש בעמיהט זיך, טראץ איהרע בעגרעניצטע ראהמען אלזייטיג צו בעהאנדלען און צו בעלויכטען דעם ענין שחיטה. אין ערשטען קאפיטעל גיט הרב אש א זעהר ווערטפולע שילדערונג פון די קאמפען ארום דער שחיטה-פראגע אין פערשידענע לענדער פון אייראפא און ווייזט אויף, אז אין געגענזאץ צו דער „מיינונג" פון פערשידענע שרייבער – איז די שחיטה דערלויבט אויף דער גאנצער וועלט מיט'ן אויסנאהם פון דער שווייץ און היטלער-דייטשלאנד און אז לויט דער פעסטשטעלונג פון געלעהרטע דאקטוירים און וועטערינארען, איז די שחיטה איינע פון די אממייסטען ציעלבעוואוסטע, הומאניטארע, געזונדע און ביליגע מיטלען צו פערזעהן די בעפעלקערונג מיט פלייש.

„דער צווייטער קאפיטעל – שרייבט ווייטער זאדערעצקי – בעהאנדעלט אין קורצען די פרינציפען פון צער בעלי-חיים לויט די פארשריפטען פון דער יודישער אמונה, אנהויבענדיג פון תנך, דורכ'ן תלמוד, ביז צו די שאלות ותשובות און רבנישע ווערק פון פערשידענע צייטען. הרב אש שטרייכט אונטער אויף א געלונגענעם אופן די רעדאקציע פון איינצעלנע פארשריפטען, אין וועלכע די מענשען און אנדערע לעבעדיגע בעשעפענישען ווערען אין דער הינזיכט פון בעפרידיגען זייערע הצטרכות'ן בעהאנדעלט כמעט אין א גלייכער מאס, וואס עס ווייזט אן אויף די זארגפעלטיגקייט, מיט וועלכער דער תלמוד – דער ערשטער אין דער וועלט – האט זיך בעציוגען צו בהמות און חיות.

„ווייטער ווערען אנגעגעבען די דינים פון שחיטה און דערביי ווייזט הרב אש אן, דאס מאנכע פאסטולאטען אויפ'ן געביעט פון שחיטה, וועלכע זענען ערשט יעצט ארויסגעריקט געווארען דורך אייראפאישע געלעהרטע, זענען שוין מיט פיעל, פיעל יאהרען צוריק פארמולירט געווארען דורך רבנים... דא לאזט זיך אויך הרב אש אריין אין פאלעמיק מיט גלח טזשעששאק.

הרב אש פיהרט אויס, אז שחיטה איז א יסוד פון דער יודישער אמונה; אז די פערפליכטענדע געזעצגעבונג אין פוילען איז זיך סותר מיט'ן פארשלאג וועגען אסר'ן די שחיטה; דאס פון ווירטשאפטליכען שטאנדפונקט איז די שחיטה נוצליך פאר דער קריסטליכער בעפעלקערונג—און די דאזיגע מיינונג בעגרינדעט ער מיט פיעל-זאגענדע טאבעלען; צום שלוס לאזט זיך הרב אש אריין אין א פאלעמיק מיט די געגנער פון שחיטה. דאס ווערק איז געשריבען זעהר פערשטענדליך און קלאר.

„נאר איין בעוואהרעניש—גיט ווייטער צו זאדערעצקי—וויל איך מאכען, און דאס א פרינציפיעלע. הרב אש האט זיין ווערק געשריבען מיט א וואונדערבארער גלייכגעוויכט און רוהיגער שטימונג און אויך לגבי דער אויסדריקליכער איגנאראנץ פון גלח טזשעטשאק האנדעלט ער „אין הענדזשקעס". די דאזיגע פארם פון פאלעמיק איז, לויט מיין מיינונג, טאקטיש נישט ריכטיג. זי איז זעהר ווינשענסווערט אין א דיסקוסיע צווישען צוויי וויסענשאפטסמענער, אבער נישט דאמאלס, ווען געגען איבער א געלעהרטען שטעהט אן איגנאראנט. נישט ווילענדיג ווערט אזוי ארום געהויבען די שטעלונג פון איגנאראנט, ווייל ביים פשוט'ן לעזער שאפט זיך דער איינדרוק, אז דא קומט פאר א קאמף צווישען א גלייכען מיט א גלייכען, און נישט צווישען צוויי מענשען, פון וועלכע איינער האט דאס פולע רעכט זיך ארויסצוזאגען וועגען דער בעריהמטער פראגע, און דער צווייטער האט דאס דאזיגע רעכט גישט".

ווי ס'זעהט אויס, איז דעם ה' זאדערעצקי נישט בעקאנט די דריטע אויפלאגע פון הרב נחום אש'ס חבור וועגען זעלבען ענין, אין וועלכען גלח טזשעטשאק'ס „עקספערטיזע" פאר דער סיים-קאמיסיע איז—אין א ניי קאפיטעל—ברייט בעהאנדעלט געווארען דורך הרב אש ז"ל שוין אין א גאנץ שארפער פארם.

זאדערעצקי'ס ווערק וועגען שחיטה האט א ספעציעל וויכטיגע בעדייטונג צוליעב דעם, וואס דער מחבר איז א בעקאנטער קריסטליכער געלעהרטער אויפ'ן געביעט פון יודאאיסטיק און אפשר דער איינציגער אין דער הינזיכט גיש-טיוד אין פוילען.

ד"ר ל—ש.

צום נייעם יאהר.

דאס יודישע פאלק הויבט אן דאס נייע יאהר אין אויסערגעוועהנליך שווערע בעדינגונגען.

די לאגע אין די גלות-לענדער ווערט שרעקליכער פון טאג צו טאג און די ענויים פון די יודישע מאסען ווערען פשוט אונערטרעגליך, דער ים און די יודישע צרות ווערט אלץ ברויזענדער און מיר צעהלען אין די פערשידענע לענדער צעהנדליגנער קרבנות, חרובגעווארענע ישובים, צובראכענע לעבענס און עקזיסטענצען.

די הונגער-נויט פערפלייצט גאנצע יודישע קבוצים. פחד און האפנונגסלאזינקייט האבען בעהערשט די יודישע גאס. ארץ-ישראל איז געבליבען די איינציגע האפנונג אויף דערלייזונג ביי די יודען אין דער גאנצער וועלט.

אבער אויך דא, אין דעם לאנד פון אונזער נייעם שפרודלענדען לעבען, זענען אין די לעצטע 8 הדשים פארגעקומען טראגישע געשעהענישען, וועלכע האבען דערשיטערט דאס פאלק ביז די טיעפסטע טיעפענישען פון זיין נשמה.

די רציחות פון די אראבישע באנדעס, וועלכע זענען ארגאניזירט דורכ'ן מופטי און די רייכע עפענדיס, האבען אונז צוגענומען העכער 80 ליכטיגע יודישע נשמות. ס'זענען חרוב געווארען יודישע ווירטשאפטען און די ענגלישע אדמיניסטראציע, וועלכע האט אצינד ארויסגעוויזען איהר אמת'ן פרצוף איז גרייט צו בעלוינען די מערדער מיט דעם העכסטען פרייז – מיט אבשטעלען די עליה.

ס'קומט אצינד פאר דער איבערמענשליכער קאמף פון די ציוניסטישע אינסטאנצען און יודישער עפענטליכקייט געגען דעם אטענטאט אויף די לעבענס-אינטערעסען פון דעם יודישען פאלק און אויף זיין בעפרייאונגס בעוועגונג.

ס'איז אבער קלאר, אז ווי ס'זאל נישט זיין דער אויסגאנג פון דעם דראמאטישען קאמף, בלייבען די יודישע מערטירער-מאסען מיט אנ'אונגעבראכענעם ווילען אין דעם גערANGעל פון אונזערע רעכט צום לעבען, שאפען און זיך בעפרייען אין לאנד פון אונזער צוקונפט.

מיר שטויסען קיינעם נישט ארויס פון א"י, מיר בעווייכרען עס מיט יודישען שווייס, בלוט און פערמעגען. מיר שטרעבען צו שלום מיט דעם ארבייטענדען ארימען שכנות'דיגען פאלק, — אבער אויף אונזערע מינימאלסטע רעכט וועלען מיר נישט פערציכטען.

און אין דעם דאזיגען קאמף בעקומען א בעזונדערע בעדייטונג די יודישע ווירטשאפטליכע פאזיציעס אין לאנד.

וואלטען מיר נישט געהאט קיין אייגענע שפייז-פראדוקטען פון די נאציאנאלע דערפער, וואלט דער שונא אונז געקאנט לייכט בעזיגען. די יודישע קאלאניזאציע, הגם זי איז נאך נישט גענוג גרויס, האט געראטעוועט דעם ישוב פון הונגער און האט געשאפען אייזען-פעסטע פאזיציעס אין קאמף געגען די באנדעס. ס'איז דעריבער די דרינגענדסטע אויפגאבע אויסצוברייטערען, פערדאפלען און פערפילפאכען אונזער נאציאנאלען באדען-בעזיץ אין לאנד.

דאס נייע זאמעל-יאהר פון קרן-קימת דארף זיין א יאהר פון א ריזען-מאביליזאציע פון גרויסע געלד-סכומים פאר'ן באדען-אויסלייז אין א"י.

אונזער קאמף מוז בעפעסטיגט ווערען דורך דעם אויסקויף פון נייע לענדערייען, דורך דער שאפונג פון צעהנדליגער נאציאנאלע יודישע דערפער.

די תשרי-אקציע פון קרן קימת איז דער אנהויב פון דער נייער בויענדער טהאט פון אונזער זיעג.

די תשרי-זאמלונגען (לוחות, ברכות, לשנה-טובה'ס, נדרים, יזכור און קערות-אקציעס, גרויסע הרקה א.א.וו.) מוזען שאפען א דריטעל פון דעם יאהר-קאנטיגענט און וועלען זיין א דערמונטערונג פאר'ן ישוב אין א"י און פאר אונזערע „פארקעמפער אין די יעצטיגע שווערע טעג.

אונזער תשובה די שונאים—נייער באדען אין ארץ-ישראל, נייע דערגרייכונגען אין לאנד, וועלכע וועלען ברעכען יעדען ווידערשטאנד צו דער פולער ציוניסטישער פערווירקליכונג און בעפרייאונג.

פ. ר.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

תכלה שנה.

עס איז אוועק דאס יאהר תרצ"ו. אוי, איז דאס געווען א יעהריל, אזא יאהר אויף אונזערע שונאים. צרות, פרעניות, גזירות און אומגליקען – אט דאס איז דער סך הכול פון דעם „96" יאהר לויט דעם יודישען חשבון.

פאקטיש וואלט מען געקאנט דעם יאהר תרצ"ו צופאסען צו א קאפיטעל פון דער הגדה א. נ. „דיינו" און עס אויסטייטשען אויף אזא אופן: ווען אין יאהר תרצ"ו וואלט מען אויף אונז בלויז אנגעווארפען די שחיטה-גזירה – דיינו, וואלטען מיר אויך שוין געהאט גענוג; ווען אין דעם יאהר תרצ"ו וואלט נאר פארגעקומען בלויז ענין-פזשיטיק – דיינו, מינסק-מאזאוויעצק – דיינו, טרוסקאלאס – דיינו, אדושיוואל – דיינו, קלאבוצק – דיינו, פזשיסטאין – דיינו, קרזשעפיץ - דיינו. די העסליכע טאג-טעגליכע אגיטאציע פון די ענדעקישע צייטונגען און בתוכם אויך סאנאטארישע – דיינו; על אחת כמה וכמה, אז צו די אלע צרות און אומגליקען איז נאך צוגעקומען די קהלה-וואהלען-גזירה, וואס האט צורייצט די געמיטער פון דער יודישער מחנה און געשאפען ביז בלוט, אז ווער ווייסט וואס פארע פאלגען דאס וועט ברענגען, ווייל לויט די ידיעות, וועלכע מיר דערהאלטען פון שטעדט און שטעדטלעך, קומען א דאנק די קהלה וואהלען פאר מחלוקת און געשלעגערייען, מסירות און שפיכת דמים צווישען יודען – דארף מען זאגען מיט'ן גאנצען הארצען לכפר על כל עונותינו, זאל דאס זיין פאר אנ'אנקומעניש פאר אלע צרות, וואס מיר האבען אדורכגעלעבט.

תכלה שנה – אזעלכע יאהרען זאלען שוין מעהר נישט זיין. זאלען זיי אוועק אין דער אייביגקייט, עס זאל ווערען כחרס הנשבר, כחציר יבש, וכציץ נובל, כצל עובר, וכענן כלה, וכרוח נושבת, וכאבק פורח, וכחלום יעוף – אלע צרות און גזירות זאלען פערשוואונדען ווערען ווי א חלום.

מיר האבען דאך שוין אזוי פיעל געליטען, טא צי זענען נאך ווייניג די אלע צרות. אומעטום, אין אלע מדינות, וואו ס'געהט נאר נישט כהוגן, סיי אין פאליטישער, סיי אין עקאנאמישער הינזיכט זענען מיר באלד דאס כפרה-היהנדעל, אזוי זעהען מיר דאס אין דייטשלאנד, וואו די היטלעריאדע ווערט נאר שטארק א דאנק יודיש בלוט, און אפילו שפאניען, וואס איז היינט אויף צרות, נעמט מען אויך דעם יודען אריין אין מיטען און מען וויל אויסשפילען אויפ'ן יודישען חשבון א נצחון. און אויך ביי אונז איז דער יודעל דער מיטעל-פונקט ד. ה., אז אין קאמף צווישען די ענדעקעס מיט די אנדערע גרופירונגען מוז מען אינדערמיטען אריינשלעפען דעם יוד.

גענוג, טאטע פאטער, מיר ווילען נישט זיין אזוי פאפולער, זאל מען אונז צורוה-לאזען; זאלען זיך די פעלקער רייסען געזונדערהייט, נאר אונז זאלען זיי ארויסלאזען פון עסק. זאלען זיי זיך נישט זארגען פאר אונז, קיין צרות וועט אונז סיי ווי נישט פעהלען, וואָרום אויב מיר האבען נור אין משך פון 4 יאהר קהלה וואהלען האבען מיר שוין גענוג, רייסען מיר זיך, געלויבט צו גאט, גענוג ארום ביי די קעפ, אזוי אז מיר וואלטען זיך געקאנט אהן אנדערע זייטיגע צרות אינגאנצען בעגעהן.

תכלה שנה וקללותיה –

זאלען זיך אויך ענדיגען די צרות, וואס דער יודישער ישוב אין ארץ-ישראל האט אויסצושטעהן פון אונזערע שטיף בדירערלעך פון איין זייט און פון אונזערע ביבעל-פערצעהרער פון דער צווייטער זייט.

תכלה שנה – צוזאמען מיט'ן סוף פון דעם יאהר זאלען פערשוואונדען אלע צרות און אומגליקען.

ס'איז שוין הויכע צייט, טאטע אין הימעל!

דאס חזנים-פאך ליגט ארצה...

ס'איז שוין אזא געזעץ, אז סעזאן-ארבייט ווערט בעצאהלט טייערער ווי אנדערע יעהרליכע ארבייט, און דא ביים היי-יאהריגען חזנים-סעזאן פאר די ימים נוראים ווייזט זיך ארויס, אז זיי אליין, די חזנים האבען געלייגט דאס פאך ארצה.

שטענדיג, פאר די ימים נוראים, ווערדן געשאפען מנינים און אין בית אשר אין שם מנין – אזוי אז די בעלי-תפילות, וואס א גאנץ יאהר געהען זיי ארום מיט'ן כלי און האבען עס נישט וואו אויסצונוצען, סיידען אויף א פעלד אדער אין א טויער אין דער ערשטער אלעע, דערפאר אבער, אז עס קומט צו ימים נוראים, ווערען זיי ממש פערצוקערט; אפטמאל טרעפט אפילו, אז איין חזן מוז בעדינען צוויי מנינים – איין מנין מיט א שחרית און דאס צווייטע מיט א מוסף, ווייל ס'פעהלען אויס חזנים. און געהייסען האבען זיי זיך תמיד בעצאהלען אין טאג אריין. היי-יאהר אבער איז דאס פאך קאלע געווארען.

צי דאס איז דערפאר, ווייל ביי חזנים איז אנ'איבערפראדוקציע, עס זענען דא צופיעל, אדער דערפאר, ווייל מען מאכט ווייניגער מנינים – דאס איז נישט בעוואוסט (נעה, פערגעם זיך מיט סטאטיסטיק אין מיטען דערינגען...) א פאקט איז אבער, אז די שנאוונע בעלי-תפילות בעקלאגען זיך, דאס א סך פון זיי וועלען היי-יאהר בלייבען ארבייטסלאז. די ווידער, וואס כאפען יא שוין א ברעטיל מאכען דאס פאר חצי חנם און זיי מוזען נאך צוגעבען א כאר מיט א דיריגענט און אלע זיעבען זאכען.

מיט איין ווארט – דאס חזנים פאך ליגט היינט אין דר'ערד...

דער הויך-סעזאן

אויב דער חזנים סעזאן איז היי-יאהר נישט געלונגען, קען מען זיך אבער נישט בעקלאגען אויפ'ן הויך-סעזאן, וואס קומט פאר אויפ'ן בית עולם.

מען קאן נישט זאגען, אז פאר א יאהר איז דער סעזאן געווען א שלעכטער, נאר דאס, וואס עס קומט היי-יאהר פאר, איז נאך נישט געווען.

די פרעקווענץ פון די טאשען-רייסער האט זיך פערדאפעלט געגען אלע יאהר, מחמת דעם, וואס יודען ווערען נישט רייכער נאר ארימער, און אויב פאראיאהרען, למשל, זענען נאך געווען אזעלכע, וואס האבען זיך געשעמט אויסצושטרעקען א האנד, האבען זיי שוין היינט די שאנדע אראבגעווארפען, ווייל נויט ברעכט אייזען.

אויסערדעם זענען אויסגעשטעלט אויפ'ן שטח פון בית עולם צדקה קעסטלעך פון אלע מינים חברות, וואס זענען נאר פערהאנען אין טשענסטאכאוו, וועלכע ווילען ביי דעם גרויסען יריד, וואס קומט פאר איינמאל אין יאהר, אויך אבלעקען א ביינדעל.

יעדער, וועלכער פאהרט אויפ'ן יאהרמארק, דארף זיך פריהער אסעקורירען, און דאס נישט פאר די טויטע, נאר פאר די לעבעדיגע, וואס קאנען דעם טויט מאכען.

ווי מען שמועסט, וועלען א סך מענשען, וואס זענען געווען ראש חודש אלול אויפ'ן פעלד און זענען אהיימגעקומען בשלום, גומל בענשען פאר דעם חסד, וואס ס'איז זיי געשעהען.

א סך האבען ווידער טענות צו דער קהלה, הלמאי, זי טהוט גאר נישט, כדי צו פערזיכערען דאס לעבען פון די בית-עולם-בעזוכער אין די אלול טעג, אבער אויך די קהלה איז מאכטלאז געגען דעם שטורם, געגען די מתנות הונגעריגע וועלף, וועלכע האבען פערפלייצט דעם בית-עולם.

נאך א שטיק וועגס פאר'ן בית עולם הערסטו דעם הארמידער, דאס געוויש פון די הונדערטער ארימע לייט, וועלכע קריגען זיך צוליעב א פרוטה און אך און וועה איז צו דעם, וועלכער פאלט אריין אין זייערע הענד.

אין אלע בראנזשעס איז איצט טויט, אבגעשטארבען, אויך אלע לעבעדיגע זענען האלב אבגעשטארבענע, דערפאר אבער אויפ'ן בית עולם, ביי די טויטע, איז ערשט רעכט לעבעדיג—דארט איז דער אמת'ער הויך-סעזאן.

די ערשטע בעגעגעניש

פערגאנגענעם דאנערשטאג אוונד זענען זיך צום ערשטען מאל צונויפגעקומען די ניי-אויסגעוועהלטע פרנסים.

געווען צווישען זיי „נאוואבראנצעס", וועלכע זענען נאך קיינמאל נישט געווען קיין פרנסים. האבען זיי זיך טאקי נישט געקאנט קיין ארט געפינען, נישט געוואוסט וואו זיך צו זעצען און זענען געזעסען אויף האלבע בענקלעך...

מען האט אויך געפיהלט, אז די פ"נסים, וועמענס ליסטעס ס'האבען געהאט א דורכפאל, זענען געזעסען פעראומערט, פער'חושכ'ט. דערפאר אבער האבען זיך די פרנסים, וועלכע זענען ארויס מיט א נצחון געווען האפערדיג, ווי איינער זאגט: אט, זעהט, מיר זע-

אין אונרוהיגע נעכט

(א בריעף פון ארץ-ישראל)

נישטאָ שוין איצט די שפּעטע אָוונטשעה'ן פון אַמאָל, ווען די דושנע אָנגעהיצטע צימערען האבען בשום אופן נישט געקענט אַריינעמען די פערמאַטערטע און פערשוויצטע גופים נאָך אַ זומערדיגען אַרבייטס טאָג.

אַלץ איז געווען אין דרויסען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין אַלטוואַרג פלעגען כאַפּען אַ דרימעל אויף די טעראַסעס און באַלקאָנען און יונגוואַרג האט געזוכט דעם קיהלען אָוונט אויף די בערג און אויף די וועגען צווישען די פּרדסים, געזאַנגען און הילכיגע געלעכטערס האבען זיך געטראָגען פון אַלע זייטען.

דאס אַלץ איז שוין זינט עטליכע חדשים פערשוואונדען. נאָכ'ן הייסען טאָג ברענגט דער אָוונט מיט זיין פינסטערניש פחד און אימה. דאס שטיקעל אָנהויב חודש-לבנה פערשטעקט זיך גיך הינטער די בערג און באַלד נעמען זיך אויסלעשען די פייערען אין די הייזער. ווען ס'וועט זיך די שיסעריי אָנהויבען, ווייסט מען נישט און ליכט אין דער פינסטערניש איז דער בעסטער ציעל.

זיצט מען אין דער פינסטער, די אויערען אָנגעשפּיצט. פון וועלכער זייט וועט מען היינט בייננאַכט שיסען?

פינסטער אין דער גאַנצער סביבה אַרום, די אַראַבישע פּרדסים אונטען, אויפ'ן אַנדערן זייט כביש פון דער קאָלאָניע אָטעמט אין די יעצטיגע נעכט מיט סכנה, מיט טויט. ווער ווייסט וואס ס'בעהאַלט זיך דאָרט היינטיגע נאַכט פאַר אונז.

פון דערווייטענס דערטראָגען זיך טעמפּע אָבקלאַנגען פון ביקסען-שאָסען. לויט'ן קלאַנג איז מען זיך משער, וועלכער יודישער פונקט עס ווערט איצט בעשאָסען.

די שוואַרצע פינסטערניש ווערט געלעכערט דורך די מאַסען קליינע פייערלעך, וואס צינדען זיך אָן ווייט אין די האָריזאָנטען, אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרט. פערלעשען זיך און צינדען זיך ווידער אָן. דאס רעדט מען אויף אַ פייער-שפּראַך. איין קאָלאָניע פערבינדט זיך מיט דער צווייטער, מ'גיט זיך צייכענס, מ'פרעגט וואס ס'הערט זיך און מ'ענטפערט.

— שומר! מה מלילו?

אָבער אויך אויף דעם אַראַבישען שטח צינדען זיך פייער-צייכענס! אויך דאָרט רעדט מען אויף אַזאַ לשון. ווינקען זיך די גליהענדיגע אויגעלעך אויבען פון אַראַבישען דאָרף צו עהנליכע אויגעלעך אונטען אין פינסטערען אַראַבישען פּרדס אַנטקעגען דער יודישער קאָלאָניע, אָבער די ווינקענישען טראָגען אין זיך שלעכטס. דאָרט שמועסט מען וועגען בעשיסען די קאָלאָניע, וועגען בלוט פערגיסען.

דאס איז דער פּתרון פון די אַראַבישע פייער-צייכענס.

איבער די בערג פון דער קאָלאָניע צו דער זייט פון פּתח תקוה הויבט זיך אָן רויטלען דער גראַנאַטענער הימעל. אַלעמענס אויגען קוקען אַרויף.

— אַ שרפה, וואו ברענט דאס דאָרט?

אַ ווייל'ע שפּעטער ווערט נאָך אַ גרעסערער שטיק הימעל מיט רויט בעפאַרבט. איך געה מיט מיין שכן אַרויף אויפ'ן באַרג הינטער אונזער צריף, צו זעהן וואו די שרפה איז.

גאַנץ ווייט אין האָריזאָנט גליהען צוויי גרויסע בנינים און בעלויכטען ברייט און ווייט די גאַנצע סביבה אַרום, ס'קומען צו נאָך עטליכע מענשען אויפ'ן באַרג, מען פּרובט פונדערווייטענס טרעפען דאס אָרט וואו עס ברענט.

— ס'איז ווייטער פון פּתח תקוה.

— ווי קומט, דאס איז נעבען כפר סבא!

— אפשר דאס פּאַק הויז פון מאַראַנצען נעבען כפר סבא!

— יאָ, יאָ דאס מוז עס זיין.

— מנוולים, זיי הערען נישט אויף צו ברענען יודישען רכוש.

ערגיץ פון דער פינסטערניש אויפ'ן שפּיץ באַרג רוקט זיך צו אַן'אונבעקאַנטער און זאָגט שטיל צו איינעם פון דער קאָמפּאַניע.

— חברה, געהט אַראָב פון באַרג, איצט איז נישט קיין צייט דאָ צו שטעהן און פּרט אין ווייסע בלוזקעס אָקעגען דאָ אַ — און ער ווייזט אויף די אַראַבישע פּרדס'ים אין וועלכע ס'גליהען נאָך כסדר די פייער-אויגעלעך.

ס'ווערט שפּעט. די אויגען קלעבען זיך אין דער פינסטער און מ'לייגט זיך שלאָפען.

וועט מען היינטיגע נאַכט שיסען?

— מכתמא. וואס איז היינט פאַר א אויסנאַם?..

מ'בעוויזט נאָך נישט גוט איינצודרימלען און מיט אַמאָל אַ פייפעריי פון קוילען דזז.. דזז.. די קלעפּ נאָהנטע און פּסדר'דיגע פון צוויי זייטען מיטאַמאָל. מיר שפּרינגען פון די בעטען אַרויס, גיך לייגען מיר אויס אַ קאָלדרע אויף דער ערד, טראָגען אַהער דעם קינד פון בעטעל און לייגען איהם אַרום מיט קישענס. דער קליינער ווייס פון גאָרנישט און שלאָפט ווייטער זיין קינדערישען שלאָף.

דער שכ'ן איבער'ן וואַנד קלאַפּט:

— איהר הערט?

— מיר הערען, הלואי וואָלטען מיר נישט געהערט...

וואו ליגט אייער קליינע יפהלה?

— זי שלאָפט אויף דער פּאַדלאַגע.

— גוט!

איך כאַפּ אַ קוק דורכ'ן פענסטער, די לעצטע פייערלעך אין די הייזער לעשען זיך אויס. ווי פאַלענדיגע שטערנס שניידען זיך אַריין אין דער פינסטערניש די ווייסע ראַקעטעס, וואָס מ'וואַרפט אין דער זייט פון די שיסערס. אַ ווייל'ע ווערט ליכטיג ווי ביי אַ בליץ און ווידער פינסטער, די שיסעריי הערט נישט אויף, ווערט נאָך חוצפה'דיגער. מ'דערקענט גוט מיט'ן אויער די ענטפערס פון די יודישע „גאַפירים" אויף די נאָהנטע בערג.

אויפ'ן כביש קומט צו לויפען האַסטיג אַ אויטאָ און הויבט באַלד אָן צו קלאַפּען פון מאַשין-געוועהר אין אַראַבישען פּרדס אַריין:

— טיק-טיק-טיק-טיק —

נאָכאַנאַנד, ווי פינגער אויף אַ ריזיגער שרייבמאַשין. אַ ווייל'ע ווערט שטיל. ס'הערט זיך ווידער עטליכע שאָסען און באַלד נאָכדעם קנאַקט די מאַשין איהר טיק-טיק.

מיר ליגען אויף דער ערד, די אויערן אָנגעשפּיצט, יעדער שאָס רייסט שטיקער, די קוילען פליהען מיט אַ פייפעריי אַזוי נאָהנט. אָט-אָט און זיי געהען אין צריף אַריין.

אונטען אויפ'ן כביש לויפט דורך אַ פערשפּעטיגטער אויטאָ פון שטאָדט. ער פליהט ווי משוגע מיט אויסגעלאָשענע לאָמפּען. די שיסעריי פערשטאַרקט זיך. דאס צילט מען אויפ'ן אויטאָ. ווער קען אין די מינוטען פיהלען דאס האַרץ פון שאָפער, וואס זיצט ביים רעדל?...

די מאַשין געוועהר ענטפערט האַסטיג און עס ווערט מאָרגנע שטיל ווי נאָך אַ שטורעם-אויסברוך.

און צומאָרגענס —

צווישען אַ סך נייעס וועגען שיסעריי'ען בייננאַכט אומעטום דערצעהלט די כראָניק, איז אין דער נאָהנט פון בני ברק פאָרגעקומען בייננאַכט אַ שטאַרקע שיסעריי. פּאָליציי האט געענטפערט פון אַ מאַשין געוועהר. איין יודישער „גאַפיר" איז פערוואונדעט געוואָרען, אין אַ שווערען מצב האט מען איהם אָבגעפיהרט אין „הדסה".

גלייכווערטלעך לכבוד ראש-השנה

פון יחיאל טשענסטאָכאָווער

פאַר וואס מוז א חזן האָבען א ווייב?

ווי בעקאַנט ווערט א חזן אָדער א בעל-תפילה, וואס האט נישט קיין ווייב, נישט צוגעלאָזט די ימים נוראים צום דאַווענען. דער מאָטיוו דערפון איז, ווייל דוד המלך זאָגט אין תהלים: לב נשבר ונדכה—לא תבזה, א צובראָכען האַרץ טהוט גאָט נישט פערשעמען און נעמט אָן זיינע תפילות. נו, קען א חזן, וואס האט נישט קיין ווייב האָבען א צובראָכען האַרץ?..

דאס סדור'ל מיט'ן מחזור

צו א נגיד א'ז געקומען א יורד, א געוועזענער אָנגעזעהענער בעל-הבית, נאָך א נדבה. דאס ערשטע מאָל האט ער בעקומען א שענע מטבע, וואס אַמאָל אָבער איז די נתינה קלענער געוואָרען און צום סוף האט ער בעקומען גענצליך אַן'אָבזאָג. אויף דער פראַגע פון יורד וועגען דער סיבה דערפון, האט ער בעקומען א תשובה מיט א משל:

דאס סידור'ל האט געפרעגט דעם ימים נוראים'דיגען מחזור, פאַרוואס האַלט דיך דער בעל הבית אין דער האַנד ביים גאַנצען דאַווענען מיט יראת הכבוד, זאָגט פון איין עק ביז'ן צווייטען, לאָזט נישט אַדורך אַ וואָרט, און מיך סידור'ל, וועלכער ווערט געברויכט דריי מאָל טעגליך, ווייל אפילו קיינער נישט נעמען אין דער האַנד אַריין.

ענטפערט דער מחזור: דו, ווייל דו טהוסט דערקוטשען דעם בעל-הבית דריי מאָל טעגליך און ביזט ביי איהם א צו-אָפטער גאַסט, ווערסטו איהם דערעסען און ער מיידט דיך אויס. איך אָבער בין א גאַסט איינמאָל אין יאהר, בין איך ביי איהם אָנגעזעהען און ליעב, דעריבער לאָזט ער מיך נישט אַרויס פון דער האַנד.

דאס זעלבע זאָגט דער נגיד צום יורד איז מיט דיר. אזוי לאַנג, ווי די ביזט געווען ביי מיר א גאַסט, געקומען נאָך א נדבה איינמאָל אין יאהר, האָב איך דיך מכבד געווען און מקבל געווען בפנים יפות; זייט אָבער דו קומסט צו מיר עפטערס מיט'ן זעלבען פזמון, ווערסטו איבערדריסיג און לעסטיג.

בראש השנה יכתבון

דער קאַמינקער רב ר' יעקב ברוך האט איינמאָל ראש השנה בעמערקט, אז איינער פון די פאָרטגעשריטענע בעלי בתים געפינט זיך נישט ראש השנה אין דער שוהל. דער רב האט נאָך איהם געשיקט און געפרעגט די סיבה דערפון. דער בעל-הבית האט זיך פערטיידיגט: רבי! איך געה שוין אין דער שוהל איבער 50 יאהר און בעט צו גאָט, ער זאָל מיר העלפען מיט א מנה יפה, און וועלכער איך נויטיג מיך זעהר. ביז יעצט איז מיין דאָזיגע תפילה נישט אָנגענומען געוואָרען, זעה איך דאָך, אז דער רבש"ע וויל מיין בקשה נישט נאָכקומען, טאָ נאָכוואָס זאָל איך איהם ווייטער דערקוטשען מיט אומויסטע תפילות.

דער רב, וועלכער איז געווען א בעקאַנטער וועלטס-חכם, האט איהם געגעבען דערויף פאָלגענדע תשובה:

— יעדען ראש השנה און יום כפור, קומט אַראָב פון הימעל אין דער שוהל א מלאך, וועלכער פערצייכענט יעדענס בקשה און גיעט זי איבער דער פמליא של מעלה. צווישען זיי האט זיך אויך געפונען דיין תפילה. דער מלאך, הערענדיג ווי מ'רופט דיך אויף צום ספר תורה: החבר מרדכי בן ר' יצחק הכהן, האט דיין נאָמען פערצייכענט אין זיין נאָטיץ ביכעל, צוגעבענדיג דערביי, אז די ברויכסט א מנה-יפה צום געשעפט. ער האט אויך אָראָבגענומען דיין תמונה, ווי די שטעהסט מיט'ן טלית אויף די אַקסלען און א צילינדער אויפ'ן קאָפּ.

צומאָרגענס קומט דער מלאך מיט'ן געלד, דיר עס איבערצוגעבען, זוכט ער דיך אַרום איבער דער גאַנצער שטאָדט, פרעגט זיך נאָך, וואו ס'וואוינט מרדכי בן ר' יצחק הכהן, אָבער קיינער ווייסט נישט וועמען מען מיינט, ער געפינט א גרויסע שולד אויפגעשריבען מאַרטשין סין איגנאַצעגאָ, און קלערט, אפשר מיינט מען דאס דיך; ער זעהט אָבער דיין פּנים, און קען דיך אויף קיין פאַל נישט דערקענען, אָהן א הוט, גאָרנישט קיין סימן פון א יוד, און דער מלאך פיהרט צוריק דאס געלד אין הימעל, ערקלערענדיג, אז ער קען אזא פערזאָן אויף קיין פאַל נישט געפונען.

— ווען אָבער—זאָגט ווייטער דער רב—דו וואָלסט געווען א גאַנץ יאהר דער זעלבער מרדכי בן יצחק הכהן פון די ימים נוראים, די וואָלסט דיך געהאַלטען מיט'ן זעלבען נאָמען אין הילוך, וואָלט דער מלאך דיך דערקענט און דיין תפילה ובקשה וואָלט שוין לאַנג געווען ערפולט.

על תבא במשפט עמנו.

אין די ערב ראש השנה'דיגע סליחות בעטען מיר: אל תבא במשפט עמנו, כי לא יצדק לפניך כל חי — רבש"ע, רוף אונז נישט צו קיין משפט, דען מיר וועלען בלייבען פערשולדיגט; ווייטער זאָגען מיר: משפטינו מלפניך יצא עיניך תחזינה מישרים — נעם אונז צום משפט, וועסטו זעהען, אַז מיר זענען גערעכט. די פּסוקים זענען אַ געגענזאַץ איינער פון צווייטען.

דער תירוץ איז: דאס זענען צוויי בעזונדערע משפטים. דעם ערשטען האט דער רבש"ע, געגען די יודען, ווייל זיי האבען נישט מקיים געווען די מצוות פון דער תורה; דעם צווייטען — די יודען געגען כביכול, ווייל ער האט זיי נישט געגעבען קיין פּרנסה, ווייל מאן דיהיב חיי יהיב מזוני.

אָט דאס זאָגען מיר אין די סליחות: וועגען ערשטען משפט בעטען מיר: אל תבוא במשפט עמנו — דיין משפט געגען אונז נעם נישט פאָר, כי לא יצדק לפניך כל חי, דאָגעגען אונזער משפט געגען דיר, — משפטנו מלפניך יצא — נעם יאָ פאָר, עיניך תחזינה מישרים — וועסטו זעהען, אַז דאס, וואס מיר האבען נישט מקיים געווען אַלעס, וואס שטעהט אין דער תורה, איז נישט אונזער שולד, נאָר צוליב טרדות פּרנסה.

כל נדיבי נדבות במאמר ממללים.

מיר זעהען, אַז א סך מנדבים זענען בעת קריאת התורה זעהר גוטהאַרציג, און ווען דער חזן פרעגט בעבור שנדר, רופען זיי זיך אָב מיט שעהנע מטבעות. ווען מ'קומט אָבער צו זיי נאָך יום-טוב איינקאַסירען די נדרים, ווערען די גבאים מיעד געהענדיג און סוף-כל-סוף בעקומען זיי ערשט נישט.

ומאזין תרועה ואין דומה לך.

מיר זאָגען אין דער ראש השנה'דיגער תפילה: דו, גאָט, ביזט אַזאַ בעל-רחמים כי אתה שומע קול שופר ומאזין תרועה — דו נעמסט אָן די תפילות פון אַזעלכע — ואין דומה לך — וואס האבען אפילו נישט קיין צורה פון אַ יוד.

אשרי העם יודעי תרועה

וואויל איז דעם יודען, וואס קען שופר בלאָזען, קען ער געהאָלפען ווערען אויף יום טוב מיט אַ פּאָר גילדען אַלס בעל תוקע; ער האט נישט קיין מורא, אַז מ'וועט צונעמען אַ נישט יוד אויפ'ן דאָזיגען אַמט, דען זאָל אַיוואַן ווייזען אַ קונץ און בלאָזען שופר.

א"מ כתבנו בספר פרנסה וכלכלה

די ערשטע בקשה איז צום רבש"ע ער זאָל אונז איינשרייבען אין בוך פון פּרנסה. ערשט דאס צווייטע איז וועגען סליחה ומחילה. ווייל אויב מיר וועלען האבען פּרנסה, וועלען מיר במילא אויך האבען אַ סליחה, נישט האבענדיג אַזוי פיעל עבירות.

נען די שלוחים, צו וועלכע דאס פאָלק האט צוטרוי.

די זיצונג איז געווען א קורצע דער קהלה-פּרעזעס האט נאָר געגעבען שלום די נייע אויסגעוועהלטע שלוחי-צבור, גערופען זיי צו אַרבייטען, און מען האט אויסגעוועהלט א וואַהל-קאָמיסיע, וואס דאַרף צוגרייטען די וואַהלען צו דער פערוואַלטונג, וואס איז די פּאַקטישע אַרבייטערין אין דער קהלה.

איצט הויבט זיך ערשט אָן די ריכטיגע אַרבייט. דערווייל אָבער קאָמבינירט מען, מען רעכענט, מען שטיקעוועט, מען קאָנפערירט, מען וויל פערבינדען אַן'עק מיט אַן'עק, יעדער וויל אַלץ האבען זיינע פערטרעטער אין דער פערוואַלטונג און אפילו די יעניגע פראַקציעס, וועלכע האבען נאָר צו איינציגע מאַנדאַטען, וואָלטען אויך געוואָלט דורך א קאָמבינאַציע'לע אָדער דורך א גמילות-חסד אַריינקריגען זיך אין דער פערוואַלטונג.

מילא, ווי אזוי דאס וועט זיך אויסשפּילען וועלען מיר זעהען. דערווייל אָבער פערצייכענען מיר, אז די פּרנסים פון דער ניי-אויסגעוועהלטער קהלה האבען שוין געהאט זייער ערשטע בעגעגעניש.

פרעגט איהם בחרם פאַר וועמען ער האָט געוועהלט?

ביי וואַהלען זענען פערהאַנען אַ סך קוריאָזען, וואס ווען מען זאָל זיי פערצייכענען, וואָלט עס געווען אַ זעלטען מאַטעריאַל פאַר הומאָריסטען און אפילו פאַר ראָמאַניסטען.

אַזוי, למשל, זענען נאָך געווען אַ גרויסע צאָהל וועהלער, וועלכע האבען טראָץ דער געוואַלדיגער אַגיטאַציע, נישט געוואוסט ביז דער לעצטער מינוט וואָסערע נומערן די אָדער יענע ליסטע האָט געהאט, און דאס נישט אונבעוואוסטזיניגע יודען, נאָר דוקא יודען סוחרים, וועלכע מאַכען געשעפטען אויף שווערע טויזענדער אַ חודש.

איין קוריאָז וועל איך אייך איבערגעבען, וואָס מיינס א פריינד א אָנגעזעהענער סוחר האט מיר דערצעהלט:

אין טאָג פון די וואַהלען האט מען איהם אין גאַס באָמבאַרדירט מיט נומערלעך, וואָס אַ פּאָר שריט — אַ נומערל, אַליין איז ער א מיטגליד אין סוחרים און פאַבריקאַנטען פעראיין, האט ער על פי-יושר געדאַרפט שטימען פאַר אַ 14 טעל; דאַוונט ער אָבער אין ראַדאָמסקער שטיבעל, מוז ער דאָך שטימען פאַר אַ 7 טעל. היות אָבער, ווי ער האַלט, אַז פּרעזעס ראָזענבערג איז דער איינציגער פאַר וועלכען מען דאַרף אָבגעבען די שטים, דאַרף ער דאָך ווידער וועהלען פאַר אַ 11-טעל און דאָ קומען נאָך אַנדערע און רעדען איהם איין און שטיפען איהם אין דער האַנד אַריין נומערלעך. וואָלט ער געקאָנט שטימען עטליכע מאָל, וואָלט ער זיך נאָך אַן'עצה געגעבען, אָבער אַז אַריינלעגען קאָן ער נאָר איין נומערל, טאָ וואָסערע עצה גיט מען זיך. האט ער גענומען אַלע נומערלעך, אַריינגעלייגט אין טאַש, זיי גוט אויסגעמישט און קומענדיג אין דער וואַהל-ביוראָ, האָט ער אַרויסגענומען דאס ערשטע בעסטע נומערל, וואס איז איהם געקומען אין דער האַנד אַריין און אַריינגעלייגט אין דער קאָנווערט, אַזוי אַז ער אַליין זאָל נישט וויסען פאַר וועמען ער האָט געוועהלט.

וועלכע ליסטע ס'האט זוכה בגורל געווען, ווייסט מען נישט ביז'ן היינטיגען טאָג, ווייל ער דער וועהלער אַליין ווייסט אויך נישט, פרעגט איהם בחרם פאַר וועמען ער האָט געוועהלט?...

אויך דער מדת-הדין האט רחמנות

יענע וואָך איז פאָרגעקומען אין היגען געריכט אַ פּראָצעס וועגען אַן'עקסמיסיע. ווען דער ריכטער האט זיך בעקענט מיט די פּרטים פון דער אָנקלאַגע, האט זיך אַרויסגעוויזען, אז דער הויז-ווירט איז אַ גרויסער אָרימאַן און אויב ער וועט נישט האבען די מעגליכקייט צו בעקומען אַן'אַנדערען לאָקאַטאָר, וועט ער נישט קענען צאָהלען קיין פּאָדאַטקעס און מען וועט איהם מוזען פערקויפען דאס הייזעל אויף אַ ליציטאַציע. ווען מען האט זיך אָבער פעראינטערעסירט מיט'ן לאָקאַטאָר, האט זיך אַרויסגעוויזען, אז יענער איז ווידער א קבצן שבקבצנים, און האט אין זיין פערמעגען אויסער א ווייב, אויך נאָך דריי קראַנקע קינדער.

פאַר'ן ריכטער איז געשטאַנען א האַרבע פראַגע: נישט בעשטימען די עקסמיסיע — זאָגט דאָך דאס געזעץ בפירוש, אז אויב מען צאָהלט נישט קיין דירה געלד אזא און אזא צייט, מוז מען צו משפּט'ען אַן'עקסמיסיע. זאָל ער ווידער יאָ בעשטימען אַן'עקסמיסיע, טאָ האט זיך ביי איהם דאָרט טיעף אין האַרצען אָנגערופען דאס רחמנות אויף דער אומגליקליכער לאָקאַטאָר-פאַמיליע. האט דער ריכטער נאָך א קורצען ישוב הדעת אָנגעקליגען צים קהלה פּרעזעס ה' ראָזענבערג און איהם געבעטען, אז ער זאָל אַרויסהעלפען מיט עטליכע צעהנדלינג זלאָטעס דעם אָרימען לאָקאַטאָר. און דערביי האט ער מבטיח געווען, אז אויך ער וועט פון זיין זייט זיך בעמיהען צונויפצוזאַמלען א פּאָר זלאָטעס פאַר דער זעלבער אומגליקליכער פאַמיליע. און ערשט דאַמאָלס, ווען דער ריכטער האט בעקומען די הבטחה פון פּרעזעס, אז ער וועט זיין בקשה נאָכקומען, האט ער אַרויסגעגעבען דעם פּסק דין וועגען דער עקסמיסיע.

ווי איהר זעהט, איז אויך ביי מידת-הדין פערהאַנען א מידת-הרחמים.

תחל שנה

עס געהט א ניי יאהר, וואס רופט זיך תרצ"ז. זאָלען דעריבער מיט'ן פערשוואונדען פון אַלטען יאהר תרצ"ו, וועלכעס, אויב מען שטעלט די אותיות אויס אַנדערש, בעקומט זיך דאס וואָרט „צרות", אויך פערשוואונדען ווערען אַלע צרות און פאַר אונז יודען זאָל זיך אָנהויבען א ניי גליקליך לעבען, א שנת גאולה וישועה, אזוי ווי עס ווינשט דעם גאַנצען כלל ישראל.

לויתן.

אינטערעסאַנטע ידיעות

אין באָסטאָן האט זיך נור וואס גע-ענדיגט אַנ'אינטערעסאַנטער פּראָצעס. טשאַרל דאָד, א גרויסער אנטיקוויטע-טען-סוחר איז פּעראורטיילט געוואָרען צו צאָהלען דעם שטאָל-קעניג מענעט [illegible] אכט הונדערט טויזענד דאָלאַר און 56 טויזענד דאָלאַר פאָר פּראָצעס-הוצאות, ווייל ער האט איהם מיט צעהן יאהר צוריק פערקויפט א פאָר הויזען, פאָר וועלכע ער האט איהם דערצעהלט, אז זיי שטאַמען אויסען יאהר 1786 פונ'ם פּרעזידענט וואַשינגטאָן. דערנאָך האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס זענען גאָר נישט געווען די הויזען פון וואַשינגטאָן.

די דאָזיגע הויזען זענען אָבער נישט געווען די טייערסטע הויזען אין דער וועלט. אין יאהר 1865 איז אין א ניו-יאָרקער טעאָטער דערשאָסען געוואָרען דער דעמאָלסדיגער פּרעזידענט פון אַמעריקא אַבראַהאַם לינקאָלן. ער איז דעמאָלס געווען אָנגעטהון אין א פּראַק. — א צייט נאָך זיין טויט, האט מען זיך דערכאַפּט, אז ס'איז ערגיץ וואו אַהינגעקומען זיין פּראַק, וועלכען ער האט דעמאלס געטראָגען און וועלכען מ'האט געוואָלט בעהאלטען אין נאַציאָנאַל-מוזעאום אין ניו-יאָרק. מ'האט דעם פּראַק אומעטום געזוכט, אָבער מ'האט איהם אין ערגיץ נישט געקענט געפונען.

ערשט אין יאהר 1870 האט זיך אויף דער לייפּציגער מעסע בעוויזען דער פּראַק פון אבראהאם לינקאָלן. ווי אזוי ער איז אהינגעקומען ווייסט מען נישט. אַנ'ענגלישער אנטיקוויטע-טען הענדלער האט איהם דאָרט פער-קויפט דעם ניו-יאָרקער נאַציאָנאַל-מו-זעאום פאַר א מיליאָן דאָלאַר. מ'האט דעם פּראַק געפּרובט אינעווייניג און אויסעגווייניג. פאַכלייט און עדות האבען געשוואוירען, אז דאס איז טאקי דער אמת'ער פּראַק. בעשפּריצט מיט דעם בלוט פון לינקאָלן.

פונדעסטוועגען האט דער גאָלד-קע-ניג לובריי פּרינץ דערנאָך געלאָזט מודיע זיין, אז ע ר האט דעם אמת'ן פּראַק פון לינקאָלן. און ווידער עדים נאמנים האבען טאקי געזאָגט, אז דער פּראַק ביי פּרינץ'ן איז דער אמת'ער פּראַק און דער פונ'ם מוזעאום איז פאלש...

אָבער נישט נאָר הויזען פון טויטע זענען אזוי טייער. דער אינדישער פירשט פון באַראָדעק האט אַנ'אוני-פאָרם, וועלכען ער טהוט אָן צו אַלע גרויסע ימים טובים, זאגט מען, אז דער דאָזיגער אוניפאָרם האט א ווערט פון פיער מיליאָן גאָלד-קראָנען.

דער אוניפאָרם, אין וועלכען דער לעצטער צאַר איז געווען אין פעלד, האט מען פערקויפט פאַר 101 טויזענד שווייצער פראַנקען. פאַר די הויזען פונ'ם פערשטאָרבענעם פילם-אַרטיסט וואלענטינא, האט מען אָבגע-לייזט מעהר ווי 50 טויזענד דאָלאַר. דערצו האט מען די הויזען געמוזט ממש צוּרייסען אויף שטיקלעך, אזוי פיעל בעלנים זענען געווען אויף זיינע בגדים.

דער פאַריזער גראַף עסטאגו געהט אַמבעסטען אָנגעטהוּן פון דער גאַנצער וועלט. צוויי פאַריזער שניידערס אַר-בייטען נור פאַר איהם. זיין גאַרדעראָב מאכט אויס אַ יאָהר ערך זעקס הונ-דערט טויזענד פראַנצויזישע פראַנק.

דער איצטיגער ענגלישער קעניג צאהלט פאר אַנ'אַנצוג „נישט מעהר" ווי „העכסטענס" טויזענד פונט. דער פילם-שוישפּילער מאַנזשו צאהלט פאר אַנ'אַנצוג „בלויז" 600 פונט. דער פילם-שוישפּילער פיין צאהלט א שניידער 35 טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר, דערפאר מוז ער איהם מאכען אלע גאַרדעראָ-בען, וואס ער בענויטיגט פאר זיך פּריוואַט און אין פילם.

דער אַמעריקאַנישער ספּאָרטלער בעך רוט צאהלט היינט פאר אַנ'אַנצוג דריי הונדערט פונט. צו אַלע שפּילען טראָגט ער אָבער דעם אַנצוג, וואס ער האט זיך געמאכט מיט פופצעהן יאָהר צוריק און וואס האט געקאָסט בלויז 8 דאָלאַר, ווייל אין דעם אַנצוג האט ער נאָך קיינמאָל נישט פערלוירען קיין שפּיל.

ז. האָבער, ווייען.

צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון

ג"פ

דוד ליכטער

בעטייליגען מיר זיך אין צער און דריקען אויס דער איבערגעבלי-בענער **פאַמיליע** ווי אויך אונזער מחותנת'טע **פרוי קיסין** דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

אליעזר ראָזענבוים און פרוי

וואַהלען פון דער קהלה-פערוואַלטונג-דעם 19 ד.ח.

אונטער'ן פאָרזיץ פון פּרעזעס ראָזענבערג איז זונטאג אינדערפריה פארגעקומען א זיצונג פון דער וואַהל-קאָמיסיע צו דער קהלה-פערוואַלטונג. אַלס פאָרזיצער פון דער דערמאָנטער קאָמיסיע איז געוועהלט געוואָרען אַדוו. קאָנאָרסקי. אויף דער דאָזינער זיצונג איז בעשלאָסען געוואָרען אין הסכם מיט'ן וואַהל-רעגולאַמין מודיע צו זיין די ראַט-מיטגלידער, דאס זיי זאָלען ביז'ן 16 טען ד. ח. בעלעגען קאָנדידאַ-טען-ליסטעס צו דער קהלה-פערוואַל-טונג.

גלייכצייטיג איז פעסטגעשטעלט גע-וואָרען דער טערמין פון די וואַהלען צו דער פערוואַלטונג אויף שבת, דעם 19 ד. ח. האַלב 9 אָווענד אין לאָקאַל פון דער קהלה, אַלע 10.

דער קבלת-פנים פאַר די אהיימקומענדע טשענסטאָכאָווער פולקען

נעכטען זענען אהיימגעקומען פון די זומער-מאַנעווערס די פולקען, וואס זע-נען סטאַציאָנירט אין טשענסטאָכאָוו.

לויט'ן יאָהר יעהרליכען מנהג איז פאר'ן מיליטער צוגעגרייט געוואָרען דורכ'ן בירגער-קאָמיטעט א פייערליכע אויפנאַהמע, וועלכע איז אויסגעפאַלען אימפּאַזאַנט.

אַלע הייזער אויף די גאַסען, וואו דאס מיליטער איז אַדורכגעגאַנגען, זע-נען געווען בעפוצט און דעקאָרירט מיט בלומען. לענג-אויס די גאַסען זענען געווען אויסגעשטעלט אַלע היגע שולען מיט זייערע לעהרער און פאָהנען. אויפ'ן רינעק וויעלונסקי איז אויפגעשטעלט געוואָרען א ספּעציעל טריומף-טויער, ביי וועלכען עס איז פארגעקומען די בעגריסונג פון די זעלנער.

אַרום 4 א זייגער נאכמיטאג האבען זיך פאר'ן מאַגיסטראַט פערזאַמעלט די מיטגלידער פון ספּעציעלען אויפנאַהם-קאָמיטעט, וועלכע זענען דאַן אָבגע-פאָהרען צום טריומף-טויער אויף וויע-לונסקי מאַרק. א זייגער 5 זענען אָנגעקומען די מאַרשירענדע פולקען מיט'ן אָנפיהרער פון דער 7-טער דיווי-זיע גען. גאָנשאָראָווסקי אין דער שפּיץ און דאַן איז פארגעקומען די פייערליכע בעגריסונגס-צערעמאָניע. עס האָבען גע-האַלטען קורצע בעגריסונגס-רעדעס: אין נאָמען פון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט — סטאַראָסטאַ ראָגאָווסקי, אין נאָמען פון דער שטאָדט-פערוואַלטונג — פּרעזידענט מאַטאָל און דיר. וויסאָצקי אין נאָמען פון בירגערליכען אויפנאַהם-קאָמיטעט.

נאָך דער דאָזיגער צערעמאָניע הא-בען די פולקען ביי די קלאַנגען פון זייערע אָרקעסטערס אריינמאַרשירט אין שטאָדט צום טאָגיסטראַט-פּלאַץ, וואו ס'איז פארגעקומען א דעפּילאַדע פאַר די פאָרשטעהער פון דער מאַכט, וואס האבען זיך געפונען אויף א ספּעציעל אויפגעשטעלטער טריבונע. אויפ'ן וועג אין שטאָדט זענען די זעלנער דורך דער צאָהלרייך פערזאַמעלטער בעפעל-קערונג בעגריסט געוואָרען מיט וואַרימע אויסרופען און פשוט פערוואָרפען גע-וואָרען מיט בלומען. די אויפנאַהמע איז אויסגעפאַלען אימפּאַזאַנט.

טוריסטישע עראָפּלאַנען אָנגעקו-מען קיין טשענסטאָכאָוו.

פערגאַנגענעם מאָנטאג זענען אויפ'ן היגען פליה-פּלאַץ אין קוצעלין אָנגעקו-מען 31 טוריסטישע עראָפּלאַנען, וועל-כע האָבען אָנטיילגענומען אינ'ם טוריס-טישען פליה-קאָנקורס.

די עראָפּלאַנען זענען אָנגעקומען פון וואַרשא דורך פּויזען, לאָדז, קעלץ און אויף א קורצער צייט היער געלאַנ-דעט און נאָכ'ן אָבגעבען די מעלדונגען און נעמען בענזין מיט אייל, זענען זיי ווייטער אָבגעפלויגען נאָך קאַטאָוויץ און קראַקא.

אויפ'ן וועג צווישען פּויזען און לאָדז זענען געווען אָנגעצייכענט 19 צייכענס אין דער פאָרם פון בוכשטאָבען. די דאָזיגע צייכענס האבען די פליהער געדאַרפט געפינען און זיי אויפצייכע-נען אויף זייערע לאַנדקאַרטעס. דורכ-שניטליך האבען אָבער די פליהער גע-פינען נישט מעהר ווי צו 10 צייכענס. בלויז צוויי קאָנקורס אָנטיילנעמער פון לעמבערג האבען געפינען צו 18 צייכענס און דעריבער געפינט זיך דער לעמבערגער לופט-פליה-קלוב אויפ'ן ערשטען פּלאַץ אין קאָנקורס.

אַלע פליהער האבען נאָך מאָנטאג געלאַנדעט אין קאַטאָוויץ, פון וואַנען זיי זענען אָבגעפלויגען נאָך קראַקע. פון די 31 פליה-מאַשינען זענען נאָך קראַקע אָנגעקומען 29, צוויי זענען געווען גע-צווינגען זיך אַראָבצולאַזען אין וועג.

אין קראַקע זענען די פליהער בע-גריסט געוואָרען דורך דעם מיניסטער אינזש. באָבקאָווסקי, וועלכער איז אַהינ-געקומען אויף אַנ'עראָפּלאַן.

נעכטען זענען די קאָנקורס-אָנטיילנע-מער ארויסגעפלויגען פון קראַקע און איבער זאַקאָפּאַנע, סאַנאָק און פּרזשע-מישל אָנגעקומען נאָך לעמבערג פון דאַנען פליהען זיי היינט ארויס אויף זייער לעצטען עטאַפּ צוריק נאָך וואַרשא דורך סאַנדאָמיערזש. אויף דעם דאָזיגען וועג, וועלכער איז דער שווערסטער טייל פון קאָנקורס פליהען זיי און לאַנ-דען צו דריי.

לשנה טובה תכתבו

די פירמע פון פערשיעדענע

טריקאָטאַזש - וועש

נאַרוטאָוויטשא № 6

געברידער לעווקאָוויטש

ווינשען זייערע אַלע געעהרטע קליענטען, פאַמיליע און פריינד א גוט געזונד און גליקליך יאהר.

טראַגישער עפּילאָג פון אַ קריגעריי.

עהערנעכטען, בעת דער 21-יעהריגער עדוואַרד טאַטאַראַוויטש איז דורכגעגאַנ-גען דורך מאַלאַ גאַס, איז צו איהם צוגעגאַנגען דער 17-יעהריגער סטאַניס-לאַוו וואָוזשיק און אָנגעהויבען מיט איהם א קריגעריי, וועלכע איז געוואָרען פערוואַנדעלט אין א געשלעג. בעת'ן דאָזיגען געשלעג האט טאַטאַראָוויטש אָבגעגעבען צוויי שאָסען פון א נישט-לעגאַלען רעוואָלווער, פון וועלכע וואָוו-זשיק איז געוואָרען פערוואונדעט אין לינקען פוס. טאַראַטאָוויטש איז געוואָ-רען פערהאַלטען דורך דער פּאָליציי.

פון וויעלון.

אָפיציעל פערעפענטליכט דעם רע-זולטאַט פון די קהלה-וואַהלען.

נעכטען איז דורך אויסקלעבען פּלאַ-קאַטען געוואָרען פערעפענטליכט דער רעזולטאַט פון די קהלה-וואַהלען:

ליסטע נר. 1 נאַציאָנאַלער בלאָק — 375 שטימען — 7 מאַנדאַטען.

ליסטע נר. 6 פערבינדעטע פון בלאָק „התאחדות", 48 שטימען — אָהן א מאַנדאַט.

ליסטע נר. 2 אַלעקסאַנדער חסידים 59 שטימען — אָהן א מאַנדאַט.

ליסטע נר. 3 מורה-הוראה ליסטע 117 שטימען — 2 מאַנדאַטען.

ליסטע נר. 4 לינקער בלאָק 157 שטימען — 2 מאַנדאַטען.

ליסטע נר. 5 על-המשמר און חלוץ-בעל-מלאכה 153 שטימען — 2 מאַנ-דאַטען.

ליסטע נר. 7 אגודה 262 שטימען — 4 מאַנדאַטען.

14 טאָג נאָכ'ן פערעפענטליכען דעם רעזולטאַט קען מען אריינטראָגען פּראָ-טעסטען געגען דער וואַהל-גילטיגקייט.

LEKARZ - DENTYSTA

D. GLIKSON

Wieluń,

NARUTOWICZA № 6.

Ceny zniżone.

צוויי פאַמיליעס

(ס ק י צ ע)

פון ליאַליא קויפמאַן

פיניע סוויטערזאָן האט חתונה געהאט מיט נעמי קאַפּלאַן. ס'אַראַ שידוך! א סוויטערזאָן פון די אמת'ע סוויטערזאָנ'ס און — עפּעס דאָרט א קאַפּלאַן! אָבער וואס האט מען דען געקאָנט טהון, אז פיניע האט זיך פאָרט פערליבט אין נעמי'ן.

נעמי קאַפּלאַן איז געווען א מיידעל ווי אַלע מיידלעך. נישקשה פון א מיי-דעל.

און פערליבט האט ער זיך... נאָר דאס געהערט שוין נישט צו דער מעשה אליין. דער פאַקט איז דער, אז ער, סוויטערזאָן, האט זיך געדאַרפט אַראָב-לאָזען אזוי נידעריג, אַזש צו נעמען פאר א ווייב עפּעס דאָרט א קאַפּלאַן, זאָל זיין אפילו מיט א פעררייסען נע-זעל...

יאָ, ס'מאַכט זיך, ס'פּאַסירט. די על-טערן זיינע האבען, פערשטעהט זיך, געוויינט, געשריגען, איבערגעקעהרט וועלטען. ס'האט גאָרנישט געהאָלפען. איהר ווייסט דאָך — היינטיגע קינדער!

האט מען אָבגעשפּילט א חתונה, אויף דער חתונה זעגען, פערשטעהט זיך, געווען אַלע סוויטערזאָנ'ס, די גאַנ-צע משפּחה, אין שפּיץ מיט דעם אַלטען סוויטערזאָן אַליין — דער הויפּט-זיידע.

די קאַפּלאַנ'ס זענען נאַטירליך אויך גע-ווען פערטרעטען אויף דער חתונה, נאָר זיי האבען זיך, פערשטעהט זיך, געהאַלטען אין א זייט, נישט געוואָר-פען זיך אין די אויגען, מחמת זיי הא-בען געפיהלט ווער זיי זענען און ווער י ע נ ע זענען. און זיי האבען פער-שטאַנען אין וואס פאַרא הויז זייער טאָכטער געהט דאָ אריין. עפּיס אַ קליינינקייט — די סוויטערזאָנס!

פונקט אין 6 חדשים ארום איז נעמי געלעגען געוואָרען מיט א יונגעלע — א קליינעם סוויטערזאָנטשיקעל.

אמת, דאס איז געווען א קאַפּיטשקע צו-פריה. נו, מילא, ס'מאַכט זיך; ס'פּאַ-סירט. די אַלטע סוויטערזאָן ווען זי איז געקומען אויפ'ן ברית, האט מיט א פערקרומט פּיסקעלע אַ פרעג געטהון די שניר (דעם אמת געזאָגט האט זי ליעב געהאט אַמאָל א שטאָך טהון יענער):

— דאַכט זיך, צופריה, טאָכטער מיי-נע? צי איך האב א טעות?

נעמי איז מיטאַמאָל רויט געוואָרען און זי האט אַרויסגעשעפּטשעט שטיל, קוים וואס מען האט געהערט:

— איך ווייס נישט...

דערויף האט איהר די אַלטע סווי-טערזאָן שטרענג און קאַלט בעמערקט:

— די סוויטערזאָנס טהוען קיינמאָל נישט קיין נישט-אָנשטענדיגע זאַך. מיר, דאַרפסטו וויסען, פיהרען אונזער יחוס פון...

און זי האט גענומען רעדען וועגען דעם, וואס נעמי האט שוין אזוי פיעל מאָל געהערט, און איטליכעס מאָל אויסגעהערט, פערשטעהט זיך, מיט גרויס עהרפורכט און מיט פּאַסיגען דרך-ארץ, ווייל זי האט דאָך געוואוסט ווער זי איז און ווער זיי זענען און אין וואָס פאַרא הויז זי איז דאָ אריינ-געקומען...

דעם קינד האט מען א נאָמען גע-געבען „לייבעלע" — נאָכ'ן עלטער-זיי-דע סוויטערזאָנס. און כאָטש זי האט געטרוימט אַ נאָמען צו געבען דעם קינד „דוד" — נאָך איהר געליעבטען ברודער — האט זי פונדעסטוועגען נישט געוואָגט צו פּראָטעסטירען, ווייל „לייבעלע" איז דאָך אַ נאָמען פון די סוויטערזאָנ'ס משפּחה!

און צודריקענדיג שטאַרק צום האַר-צען לייבעלע'ן האט די יונגע מוטער זעהר שטיל געמורמעלט: „דוד"... נאָר פערשטעהט זיך אַזוי שטיל, אַז קיינער זאָל חלילה נישט הערען.

דעם קליינעם לייבעלע האט מען אָנגעטהון אין די פּראַכטפולע זאַכען, וואס נעמי'ס מוטער האט איהם גע-שענקט (דעם אמת געזאָגט, האבען די סוויטערזאָנס נישט אזוי ליעב געהאט צו לאָזען זיך קאָסטען געלד!) און ער האט צעצויגען דאָס מיילכעל און גע-קוויטשעט אויף קולי-קולות, פאָדערענ-דיג דרייסט זיינע רעכט אין לעבען, אזוי ווי ער וואָלט שוין געפיהלט, אז ער שטאַמט פון די סוויטערזאָנס.

* * *

צום סוף יאהר האט פּאַסירט א קליינע אומאָנגענעמליכקייט.

פיניע, שפּילענדיג צופעליג אין קאָר-טען, האט צופעליג פערשפּילט אָבער אזוי פערשפּילט, אז מען האט געמוזט אַוועקגעבען די פאָר טויזענדער, וואס נעמי'ס מוטער האט געהאט אַוועקגע-לעגט אויף דער טאָכטער'ס נאָמען.

נעמי איז פערשטעהט זיך, געווען זעהר צופרידען ארויסצוהעלפען דעם מאַן, דערהויפּט ווען די סוויטערזאָנס האבען אין קאָרטען קיינמאל נישט פערשפּיעלט און דאס איז געווען, ווי פיניע האט איהר געזאָגט, בלויז א צופאַל... יאָ, שפּילען אין קאָרטען הא-בען די סוויטערזאָנס דוקא יאָ ליעב געהאט דאס איז אמת, — אָבער בעלע-באַטיש, מיט א מאָס...

ס'איז נישט אַוועק נאָך א האַלב יאהר, ווי עס האט פּאַסירט נאָך איין אומאָנגענעמליכקייט.

עפּעס א מויד האט זיך גאַנץ פרעך אריינגעריסען אין הויז צו זיי. דאס איז געווען א מויד ווי אַלע מיידען, מיט שוואַרצע אויגעלעך און מיט פוכ-לע ליפּעלעך. נישקשה פון א מיידעל.

נאָ־, שטעהענדיג פאַר נעמי'ן, האט זי געשריגען עפּעס אזוינס, וואס זי, נעמי, האט צוערשט גאָרנישט פער-שטאַנען, וועגען וואס עס האנדעלט זיך דאָ. זי האט בעשולדיגט איהר פּי-ניען אין... דער רוח ווייסט וואס, און דערצו האט זי נאָך בענוצט אזעלכע ווערטער, אז נעמי איז אַזש בלאַס גע-וואָרען און האט אויך גענומען שרייען:

— איהר זאָלט נישט וואָגען אזוי צו רעדען פון איהם! פערגעסט נישט, אז ער איז א סוויטערזאָן!

אין יענעם מאָמענט איז אָנגעקומען פיניע אליין. ער איז אויך שטאַרק בלאַס געוואָרען ווען ער האט דער-זעהן די מויד מיט די שוואַרצע אויגען.

— געה ארויס פון דאַנען, נעמי, — האט ער א זאָג געטהון צום ווייב. — דו דאַרפסט זיך נישט ערגערן. דאס איז געווען פשוט א צופאַל...

נעמי איז ארויס פון צימער.

זי איז אריינגעגאַנגען צו לייבעלע'ן, האט איהם ארויסגענומען פון בעטעל, און וויגענדיג איהם אויף די הענד, האט זי זיך בעגאָסען מיט טרעהרען, זי האט איצט צום ערשטען מאָל דער-פילט א בעדויערונג, וואס... וואס זי האט געבראַכט אויף דער וועלט נאָך א סוויטערזאָן...

פון „תומכי - עניים".

די פערוואלטונג פון „תומכי-עניים" מאכט בעקאנט אלע ג. געבער פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג, אז צוליב יום-טוב, וואס פאלט אויס צוזאמען מיט שבת, וועלען די גוט-שבת-יודעלעך נישט געהן זאמלען די פראדוקטען אין שבת, נאר פרייטאג, דעם צווייטען טאג ראש-השנה.

מיר בעטען דעריבער אלע חשוב'ע געבער זיך צוצופאסען צו דעם און אנ-גרייטען די פראדוקטען אויפ'ן צווייטען טאג יום טוב.

בעקאנטמאכונג.

די פערוואלטונג פון „תומכי עניים" מאכט בעקאנט, אז דאס פונאנדערטיי-לען די פראדוקטען פאר ארימע בכבוד'ע יודען וועט פארקומען נישט שבת, נאר פרייטאג, דעם צווייטען טאג ראש השנה, 3 א זייגער נאכמיטאג, וועגען וואס עס דארפען געדענקען אלע, וועלכע געני-סען דערפון.

דאנסינג אין „מכבי".

שבת, דעם 19-טען ד. ה. 9 א זייגער אוונט קומט פאר אין זאל פון „מכבי" א דאנסינג מיט א גאנצע רייה צוגע-גרייטע סיורפריזען.

די ארדנונג איז א געציכערטע.

25-יעהריגער יובל פון „מחזיקי הדת".

אנהויב תרצ"ז ווערט 25 יאהר זייט ס'איז אויפגעבויט געווארען דער בנין פון דער תלמוד תורה „מחזיקי הדת", אין וועלכער ס'לערנען עטליכע הונ-דערט ארימע קינדער. צוליעב דעם דאזיגען יובילאום זאל חוה"מ סוכות פארקומען א פייערליכקייט אין „מחזיקי הדת", צו וועלכער עס וועלען איינגע-לאדען ווערען די מיטגליעדער, ווי אויך די אלע, וואס זיי אדער זייערע עלטערן האבען געשאנקען לטובת דער דאזיגער אינסטיטוציע.

טשענסטאכאווער ענדעקישע באמ-בע-ווארפער — פאר'ן אפעלאציע-געריכט אין ווארשא.

דאס אפעלאציע-געריכט אין ווארשא וועט היינט, מיטוואך, דעם 16 טען ד ח. בעטראכטען דעם פראצעס פון א רייה ענדעקעס, מיטגלידער פון ראדיקאל-נאציאנאלען לאגער, וועלכע ווערען אנגעקלאגט פאר ארגאניזירען א רייה באמבען-אטענטאטען אין כשענסטאכאוו און אין טשענסטאכאווער פאוויאט.

אין דער ערשטער אינסטאנץ זענען 6 פערזאן מיט זייערע אנפירער ראק און שטשיפיאר פער'משפט געווארען אויף פערשידענע שטראפען ביז 2 יאהר תפיסה פאר בענוצען זיך מיט אויפרייס מאטעריאלען, וואס בעדראהען די אל-געמיינע זיכערקייט.

די גרעסטע צאהל אנגעקלאגטע ווערט צום פראצעס אראבגעבראכט פון תפיסה.

פון קרייז-געריכט.

פאדפראקוראטאר ה' קארל יאזשעמ-בינסקי האט זיך צוריקגעקעהרט פון אבאזה-אורלויב און איבערגענומען צוריק זיין אמט.

אויך האט זיך צוריקגעקעהרט פון אורלויב דער אויספארשונגס-ריכטער ה' סטאניסלאוו באגוצקי.

נייער פראקוראר פון קרייז-געריכט אין פיעטרקאוו.

אין צוזאמענהאנג מיט דער נאמינא-ציע פון ביז-יעצטיגען פראקוראר פון קרייז-געריכט אין פיעטרקאוו אויפ'ן אמט פון נאטאר אין טשענסטאכאוו, איז קיין פיעטרקאוו אויפ'ן אמט פון שעף פון דער פראקוראטור בעשטימט געווא-רען ה' ראבערט ראוזע, ביז-יעצטיגער פראקוראר פון קרייז געריכט אין שעד-לעץ.

בעשטימט א נייעם נאטאר.

עס ווערט מיטגעטיילט, אז דער יוס-טיץ-מיניסטער האט אויפ'ן אמט פון נייעם נאטאר אין טשענסטאכאוו בע-שטימט דעם פראקוראר פון קרייז-געריכט אין פיעטרקאוו ה' הענריק פלאוועצקי.

דער ניי-נאמינירטער נאטאר וועט זיין דער 4 טער רעיענט אין טשענסטא-כאוו און אין די נאהנטסטע טעג וועט ער איבערנעמען דעם אמט.

פערענדיגט דעם שטרייק פון די היגע שניידער-ארבייטער.

דעם 15 טען מערץ ה. י. איז געשלא-סען געווארען א קאלעקטיווער אבמאך צווישען די היגע יודישע שניידער מייס-טער מיט די ארבייטער, וועלכער האט רעגולירט א גאנצע רייהע שטרייטען, ווי אויך די בעדינגונגען פון ארבייט און לוין.

דעם דאזיגען אבמאך האבען די מייס-טער געבראכען, צוליב וועלכען ס'האבען פערשטרייקט 150 ארבייטער אין 30 ווערקשטאטען. דער שטרייק, וועלכער האט געדויערט 4 טעג איז אין רעזול-טאט פערענדיגט געווארען מיט דעם, וואס עס איז געשלאסען געווארען א נייער קאלעקטיווער אבמאך מיט געווי-סע אויסבעסערונגען לטובת די ארביי-טער.

אויך ביי די פריזירער, וואו עס האט געהאלטען ביי א שטרייק, איז געקומען צו א הסכם צווישען צעך און פראפ. פעראיין, וועלכע האבען געשלאסען א קאלעקטיווען אבמאך, צו וועלכען ס'זע-נען אויך צוגעשטאנען די פריזיער, וועלכע געהערען נישט צום צעך.

די בעדינגונגען פונ'ם אבמאך באזי-רען זיך אויף דעם, וואס עס זענען רעגו-לירט געווארען די לוינען און ארבייטס-שעה'ן, ווי אויך דער וויכטיגער פונקט, אז די אייגענטימער טארען נישט צו-נעמען און אבשאפען קיין ארבייטער אהן פראפ. פעראיין.

א דאנק דעם דאזיגען איז ביי די פרי-זיער אויסגעמיטען געווארען א שטרייק.

א שטורמישע ליציטאציע.

דאס קרייז-געריכט האט בעטראכט דעם פראצעס פון עטליכע איינוואוינער פון דארף קאמשין, וועלכע האבען דעם 25-טען מערץ ה. י. געשטעלט א ווידער-שטאנד דעם דארטיגען וואיט און סאל-טיס ביים אויספיהרען זייערע פליכטען.

דעם קריטישען טאג איז אין דארף אריין געקומען דער וואיט מיט'ן סאל-טיס, כדי אדורכצופיהרען ליציטאציעס ביי א רייה איינוואוינער אויפ'ן סמך פון געריכטס אורטיילען. ווען ס'האט זיך פערשפרייט די ידיעה וועגען אנקומען און ציעל פון דער וויזיט, האט זיך פערזאמעלט א מחנה פויערים, וועלכע האבען געמאכט פערשידענע דראהענדע און בעליידיגענדע אויסרופען.

דאס געריכט האט אלע אנגעקלאגטע פער'משפט פון 8 ביז 6 חדשים תפיסה. נאכ'ן אראברעכנען דעם פרעווענצ-ארעסט איז די רעשט שטראף זיי גע-שענקט געווארען.

די קאמפאניע „בארבארא" בע-שעפטיגט נאך 50 ארבייטער

אין צוזאמענהאנג מיט'ן פערגרעס-סערען פון דער קאמפאניע „בארבארא", זענען צוגענומען געווארען נאך 30 קוואליפיצירטע ארבייטער און 20 גע-הילפען.

ס'ווערט פארגעזעהען, אז אין דער נאהנטסטער צוקונפט וועט צוגענומען ווע-רען א פרישע צאהל ארבייטער.

ענדערונגען אויפ'ן אמט פון דירעק-טאר פון באנק פאלסקי.

דער ביז-יעצטיגער דירעקטאר פון דער ארטיגער אבטיילונג פון באנק פאלסקי ווערט איבערגעטראגען אויף עמעריטור און אויף זיין ארט ווערט בעשטימט איינער פון די העכערע בע-אמטע פון דער קרעדיט אבטיילונג אין ווארשא.

פער'משפט א שלעפער.

דאס קרייז-געריכט האט בעטראכט דעם פראצעס פון 21-יעהריגען פיאטר ווראבעל, איינוואוינער פון דארף ווערנ-משיק, וועלכער האט אין יולי ה. י. צו-געגנבעט האלץ פון די מלוכה'שע וועל-דער. בעת דער וואלד-וועכטער האט ווראבעל'ן פערהאלטען, האט דער לעצ-טער זיך נוקם געווען אויף א געוויסען וואלענטי קאזשעקווא און איהם שטארק צושלאגען.

דאס געריכט האט דערפאר ווראבעל'ן פער'משפט אויף 6 חדשים תפיסה.

זעלבסטמארד - פרווו.

סטאניסלאוו אסטראווסקי, שוו. באר-בארי 56 האט מיט'ן ציעל צו בעגעהן זעלבסטמארד אויסגעשאסען צו זיך פון א רעוואלווער. די סיבה פונ'ם דאזיגען פערצווייפעלטען שריט — ירושה-סכסוכים.

טעטיגקייטס - פערברייטערונג פון דער פ. ק. א.-אבטיילונג אין לאדז

פון דעם 1 טען אקטאבער ה. י. וועט פערברייטערט ווערען דער טעטיגקייט פערנעהם פון דער פ. ק. א.-אבטיילונג אין לאדז דורך דער איינפיהרונג פון א פולען טשעקען-אומזאץ און דער אויפנעמונג פון אינקאסא דיספאזיציעס (זלעצעניעס).

די איינפיהרונג פון טשעק-קאנטא'ס אויפ'ן ארט אין לאדז וועט שאפען פאר קליענטען, וואס וואוינען אויפ'ן געביעט פון לאדזער אינדוסטריע-קרייז, א רייהע בעקוועמליכקייטען און וועט זיי צוו. אנד. געבען די מעגליכקייט צו דיס-פאנירען אויפ'ן ארט מיט'ן סאלדא און ארויסגעבען דיספאזיציעס (זלעצעניעס) אויף דירעקטע אויסצאהלונגען דורך דער לאדזער פ. ק. א.-אבטיילונג, וועל-כע וועט זיי ערלעדיגען אין אייגענעם ארבייטס-אומפאנג.

די דאזיגע פ. ק. א. אבטיילונג וועט חוץ-לזה אננעמען צו אינקאסא וועק-סלען און אנדערע התחייבות-דאקומענ-טען, און די איינקאסירטע סומעס וועלען דירעקט איינפליסען אויף די טשעק-קאנטא'ס, וואס ווערען געפיהרט אין לאדז.

די קליענטען, וואס וואלטען וועלען געניסען פון די דאזיגע בעקוועמליכ-קייטען, דארפען אין אייגענעם אינטע-רעס זיך ווענדען אין דער פ. ק. א.-אבטיילונג אין לאדז.

נדבות פאר דער געז. „תומכי עניים"

ה' ה. שפאלטען און פרוי צו דער בר-מצוה פון זייער זוהן 25 קילא ברויט.

ה' מ. שעפטעל אויפ'ן נאמען פון ה' ה. שפאלטען און פרוי צוליעב דער בר-מצוה פון זייער זוהן 20 קילא ברויט.

ה' מענדיל אש לכבוד דער בר-מצוה פון ה' הענריק שפאלטען'ס זוהן 15 קילא ברויט.

דענטיסט ה' א. גאטיינער צו זיין חתונה מיט פריילין דיאמענט 20 קילא ברויט.

ה' יעקב שיליט צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער 10 קילא ברויט.

ה' אברהם קאפינסקי צו דער יאהר-צייט פון זיין מוטער 10 קילא ברויט.

ה' מאיר בירנבוים אויפ'ן נאמען פון ר. שטייניץ 3 זל. פאר תומכי עניים.

פראצעס וועגען אבזאגען אנ'אנגע-שטעלטען אהן קינדיגונג.

דאס קרייז געריכט, אלס אפעלאציע-אינסטאנץ פון ארבייטס געריכט האט בעטראכט דעם פראצעס פון א געוויסען ר. ציפעל נעגען דער גארבעריי-אייגענ-טימערין מאריא יאבלאנסקא.

דאס געריכט האט אין דער ערשטער אינסטאנץ אנערקענט ציפעל'ס תביעה און צוגעפסקנ'ט למובת איהם 2 טויזענד זלאטעס אלס 3 חדשים'דיגע ענטשעדי-גונג פאר אבזאגען איהם פון זיין פאס-טען אהן קינדיגונג.

די גארבעריי - אייגענטימערין האט אפעלירט נעגען דעם דאזיגען אורטייל, טענה'דיג, אז זי האט נישט געהאט קיין ארבייטס-אבמאך מיט ציפעל'ן, ווייל ער איז איבערהויפט נישט געווען קיין שטענדיגער אנגעשטעלטער און האט בלויז יעדעס מאל בעקומען בעלוינונג פאר זיין ארבייט.

דאס קרייז-געריכט האט דעם אורטייל פון דער ערשטער אינסטאנץ בעזייטיגט, ארויסגעהענדיג פון שטאנדפונקט, אז דאס ארבייטס-געריכט איז נישט געווען קאמפעטענט צו בעטראכטען דעם דאזי-גען סכסוך.

פערלענגערט דעם אורלויב פון צייטווייליגען פרעזידענט.

אין משך פון דער פערגאנגענער וואך האט קיין טשענסטאכאוו געזאלט אנקו-מען דער געוו. ווילנער וויצע-וואיעוואדא ה' יאנקאווסקי, כדי איבערצונעמען די פונקציעס פון צייטווייליגען היגען שטאדט-פרעזידענט.

איצט ווערט מיטגעטיילט, אז דער קעלצער וואיעוואדא דר. דזיאדאש האט מסכים געווען צו פערלענגערן אויף 1 חודש דעם אורלויב פון ביז-יעצטיגען צייטווייליגען שטאדט-פרעזי-דענט ה' מאטאל, אין צוזאמענהאנג מיט דער אקציע צו ענטלאסטען די שטאדט פון די חובות, וואס ווערט דורך איהם געפיהרט.

אבקלאנגען פון מארד הינטער דער יאסנא-גורא.

דעם 15 שערפיען, בעת דער גאטעס-דיענסט איז הינטער דער יאסנא-גורא ערמארדעט געווארען דער 62 יעהריגער פאבריקס מייסטער אנדזשיי נאדולסקי, וועלכער איז דורך זיין געוועזענער גע-ליבטער יאנינא שימאנסקא צושטאכען געווארען מיט א מעסער.

אויפ'ן יסוד פון די אונטערזוכונגען פון די דאקטוירים פילץ און פרענקענ-בערג, האט דער אויספארשונגס ריכטער ראזמאניט בעפוילען איבערצושיקען די מערדערין שימאנסקא אין פסיכיאטרישען אנשטאלט אין טווארקי.

זיך אויפגעלעזט די ליגע פאר מענשען - רעכט אין טשענסטאכאוו.

די היגע אבטיילונג פון דער „ליגע פאר מענשען-רעכט", וועלכע האט זיך נאך געפונען אין סטאדיום פון ארגאני-זירונג, האט אויפגעהערט צו עקזיסטי-רען.

אנ'עהנליכען גורל האט געהאט דער אזוי-גערופענער „קאמיטעט פאר שלום", וועלכער האט מיט א קורצער צייט צוריק בעשלאסען זיך אויפצולעזען.

די מאדע-רענסטע **ברילען** אין א גרויסען אויסוואהל מיט די בעס-טע גלעזער „פונקטאל", אויסגעפיהרט גענוי לויט די פארשריפטען פון די אקוליסטען, ווי אויך לופעס, טערמא-מעטערס, באראמעטערס און שטאל-אויסארבייטונגען. **פאטאגראפישע אפאראטען** און אלערליי צוגאבען דערצו עמפפעהלט אויף די קומענדע ימים-טובים צו די ביליגסטע פרייזען

Optyk MEDICAL Z. Erner, Aleja 31

לשמוע אל הרנה ואל התפלה!

שוין די העכסטע צייט זיך צו פערזארגען מיט פלעצער צום דאוונען אין די ימים-נוראים, וועלכע מ'בעקומט פאר צו-געגגליכע פרייזען **אין לאקאל פון „מזרחי", אלעע 10.** גרויסע לופטיגע צימערן. — בעקוועהם איינגעארדענט. **מיט די בעסטע בעלי-תפלות.**

דער סעקרעטאריאט איז טעטיג טעגליך פון 8—10 אוונט.

בעזארגט אייך בעצייטענס וכל הקודם זכה.

אינקאסעס

אלערליי אינקאסא-דאקומענטען ווערען אנגענומען און די איינגעפלאפענע סומען ווערען אויסגעצאהלט דעם זעלבען טאג פון 9 פריה ביז 7 אוונט.

הלוואות אויף באהן-פראכטען, זאליטשקעס א. אנד. ווערט פאפירען ווערען ארויסגעגעבען.

די אינקאסא-קאסטען אין אונזער באנק זענען די ביליגסטע.

די בעהאנדלונג און בעציהונג צו אונזערע קליענטען זענען די בעסטע.

Powszechny Bank Kredytowy Sp-czy

Równe-Woł. ul. Poniatowskiego 45. Tel. 149

BIBLIOTEKA „NOWOŚCI"

ALEJA 24 (w podwórzu, parter)

zreorganizowana i powiększona poleca w dużym wyborze ostatnie nowości literackie oraz książki dla młodzieży szkolnej.

Opłata miesięczna b. niska.

KINO „EDEN".

רייץ פון מעכטיגען עגזאטישען פילם!

Papua

די ליבע פון א נעגער-מלך צו א ווייסער פרוי.

איבער'ן פראגראם: „רעקלאמע מאכט וואונדער" (קאמעדיע), ווי אויך „פאט"-וואך.

Kino „LUNA"

היינט און ווייטערע טעג הערליכער פילם!

Będziesz zawsze moją

איבער'ן פראגראם: אקטואליען.